רעספּעקט פאַר די איירישע

וואונדערלעכע געשיכטעס פון אַ וואונדערלעך פאָלק
מיט הומאָר און סאַטירע

פון

רעבע לויוויע

0-657-15902-6

NYPH 99-B7904

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/respektfardi00loiv

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 15902

RESPEKT FAR DI AYRISHE

Rebe Loivye

*Permanent preservation of this book was made possible
by Loving Relatives
In memory of Claire and John Kicey.
They lived simply, worked honorably, and gave generously.*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

רעספּעקט פאַר די איירישע

וואונדערלעכע געשיכטעס פון אַ וואונדערלעך פאָלק

מיט הומאָר און סאַטירע

פון

רעבע לויוויע

דאָס אָריגינעלסטע יידיש ביכל פון דעם יאָר

RESPECT FOR THE IRISHE

Wonderful Stories about a Wonderful People
With Humor and Satire

By **REBE LOIVYE**

COPYRIGHT, 1955
By
LEON KAPLAN
Philadelphia, Pa.

Printed in U. S. A.

By Grenich Printing Corp.
151 W. 25th St., New York, N. Y.

(166)

פונעם אינהאַלט:

קאַפּיטל א.

רעספּעקט פאַר די איירישע! — — — — — — — — — — — — — 5

קאַפּיטל ב.

דער אומגליק מיט די פאַלשע געטער — — — — — — — — — — — 11
אייב מק׳העברי און די געטער — — — — — — — — — — — — 13
ווער האָט געמאַכט אַ רעגן — — — — — — — — — — — — — 15
„ווען די געטער האָבן געגעסן קאַשע" — — — — — — — — — — 16

קאַפּיטל ג.

„זאָלסט ניט שווערן פאַלש"! — — — — — — — — — — — — — 19
ווי אַזוי איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן — — — — — — — — — — 19
איבער רכילות — ביי די סטאָליערס — — — — — — — — — — 20
ביי די שניידערס — — — — — — — — — — — — — — — 22
מיט די בעקערס — — — — — — — — — — — — — — — 23
שוסטערס — — — — — — — — — — — — — — — — — 23
חזנים — — — — — — — — — — — — — — — — — — 24
ווען אַ פּלייט איז געוואָרן ווי די גוייע און די גוייע ווי דער פּלייט — — 24
אייריש, ראַטעוועט מיר! — — — — — — — — — — — — — 25
אקסן,—לאקסן,—נאקסן,—ראקסן,—מאקסן,—שאקסן און ציגענאקסן — 27
איך בין נאַפּעלעאָן! — — — — — — — — — — — — — — 29
איך בין משיח! — — — — — — — — — — — — — — — — 30
משיח איז געקומען, איז ער! — — — — — — — — — — — — 34
משיח מיט די גלעזערנע אויגן — — — — — — — — — — — — 37
טשיקאַגאָ מעשיות — — — — — — — — — — — — — — — 39
וואָס פאַר אַ שכר קריגן אַריין די מחברים — — — — — — — — — 42
רכילות ביי שכנות — אין גראַמען — — — — — — — — — — 43

קאַפּיטל ד.

זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, מ׳זיבעטן זאָלסטו רוען — — — — — — — 47
אָדם מיט חוהן אין גן־עדן — אין גראַמען — — — — — — — — — 47
פאַרפירט פון דער שלאַנג — — — — — — — — — — — — — 48
פאַרשאָלטן און אַרויסגעטריבן — — — — — — — — — — — — 48

אָדם — אויסערן גן־עדן — 50
און שבת קומט ער ווידער אַריין אין אים — 50
שלום עליכם, מלאכי השלום — 51

קאַפּיטל ה.

„רעספּעקטיר דיין טאַטן מיט דיין מאַמען” — 55
ווער רעספּעקטירט זיי — 55
דאָקטוירים — 56

קאַפּיטל ו.

„זאָלסט ניט הרגענען” ! — 60

קאַפּיטל ז.

„זאָלסט ניט מזנה־זיין”! — 61
די העלדנטאַטן פונעם דריטן פון די אײַרישע אָבות צוליב זיין געליבטער פרוי — 00
די צרות פון אַן אײַרישן גיבור צו די פוילישע — צוליב פוילישע פרויען 66
די העלדנטאַטן פונעם ערשטן קעניג פון דער צווייטער דינאַסטיע, איבער די אײַרישע — 69
צוליב אַ פרוי באַגייט ער אַ געפערלעכע עבירה — 73
איבער דער צעשטערונג פון טרוי — 75
די עבודה־זרה פון זנות — 75

קאַפּיטל ח.

„זאָלסט ניט גנבענען” ! — 78

קאַפּיטל ט.

וועגן פאַלש־עדות־זאָגן — 82

קאַפּיטל י.

וועגן דער וויכטיקייט פון דער היים — 85

קאַפּיטל יא.

„זאָלסט ניט גלוסטן ס'ווייב פון דיין־חבר” ! — 87

קאַפּיטל יב.

„שטיינער פאַר ברויט” — 92

קאַפּיטל א.

רעספּעקט פאַר די איירישע!

פאַראַן אויף דער וועלט אַ פאָלק, וועמענס מענטשן זיינען די שענ־סטע, די קלוגסטע, די פייאיקסטע, די פיינסטע, די בעסטע. דאָס פאָלק איז דאָס איירישע...

די שענסטע.

אַ גרויסע צאָל פון די איירישע האָבן שוואַרצע אויגן, געגרייי־זלטע האָר, ניט קיין קליינע מיאוסע קאַרנאָסע נעזעלעך, נאָר פיינע באַלעבאַטישע. אויך האָבן אַ סך פון זיי קיין אויערן, ווי ליסעטשקעס, נאָר זיי זיינען ביי זיי ווי פליגעל מיט אַ ראָזעווען קאָליר...

די קלוגסטע.

זיי געבן אַרויס — די איירישע — די גרעסטע צאָל געלערנטע, פילאָזאָפן; פילאָזאָפן? כמעט אַלע זיינען זיי פילאָזאָפן! וויסנשאַפט־לער, לערער, פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן; גאַנצע מחנות אויף די געביטן פון קונסט: ווי מוזיקער, מאָלער, סקולפּטורן, שני־צער; די פיינסטע קינסטלערישע בעלי־מלאכות; ביי זיי אַ סטאָליער וועט אויסבויען אַ הויז, וועט זיין חדושי חדשות צוקוקן ווי אַזוי זי שטייט אײַן! ווען דאָס שטעלט זי אַוועק אַ סטאָליער פון אַן אַנדער פאָלק, וואָלט זי גלייך איינגעפאַלן; אַזוי אויך קען ביי זיי אַ שניידער אויפנייען אַ בגד, מע זאָל ניט וויסן וועלכע זייט איז די לינקע, וועלכע איז די רעכטע... אַ בעקער — אָפּבאַקן אַ קוילעטש, מע זאָל ניט דערקענען, צי עס איז אַ פּאָפּאַליק, צי עס איז אַ זעמל; — אַ טאָרט — אַ לעקאַך... גאַנצע מאַסן איירישע זיינען סוחרים, קרעמער, פאַברי־קאַנטן; היבשע צאָל פון זיי פאַרמאָגן וואונדערלעכע קולות: בעס, טענאָרן, אַלטן, קאָנטראַלטן, סאָפּראַנאָס; אָפטער, באַזיצט איינער פון זיי צוויי קולות פאַר איינמאָל: אַ באַס מיט אַ סאָפּראַנאָ... נאָר די איירישע האָבן די גרעסטע צאָל חזנים! קיין אַנדער פאָלק פאַר־מאָגט אפילו ניט קיין איין חזן... ווידער, זיינען זיי גרויסע בעלי־צדקה: טוען אַלעמען טובות; געבן גאָר ניט קיין קליינע נדבות, נאָר גרויסע... אָן אַ שיעור פון זיי זיינען זיך ממש מקריב פאַרן וואוילזיין פון אַנדערע — פאַר טובת־הכלל...

פאַר דעם לאַנד, אין וועלכן זיי געפונען זיך, זיינען זיי אַ גרויסע

ברכה, זיי טוען אויף דאָרטן וואונדערליכע זאַכן! זאַכן, וואָס מאַכן אַלע אַנדערע ניט צו שטאַרבן ניט צו קלאָגן, נאָר צו לעבן און צום לאַכן.

אין אַלע גאַסן, אין יעדער שטוב, מאַכן זייערע קרעמער אויף שפּייז־געוועלבן, יאַטקעס, קלייטן פון מילכיקס; אַזוי, אַז ווען עמיצער ביי זיי נויטיקט זיך אין פּוטער, אין קעז, צו מאַכן מילינצעס, דאַרף ער זיי ניט גיין ווייט זוכן: ער קריגט זיי באַלד אויפן אָרט (די אידישע עסן מילינצעס און עס איז גראָד אַ פיינער מאכל. אויך קרעפּלעך און וואַרעניקעס...). אַזוי עפנען זיי אימעטום פרוכט און פיש קלייטן, אייזן און געפעס־געשעפטן, שניטקראָמען, קליידער־געשעפטן; אייניקע אידישע באַוויזן אוועקצושטעלן אַזוינע געשעפטן, אין וועלכע מע קריגט צו קויפן פון הערן, זעען און געדענקען! הויפּטזעכליך, מאַכן זיי פאַבריקן, ווערקשטאַטן, אין וועלכע מע פּראָדוצירט אַלע אַרטיקלען, וואָס קענען עמיצן טויגן. זיי געבן זיך אויך אָפּ מיט פאַרמעריי, מיט געפליגל, מיט פאַכטעריי; בויען אויס אַ סך הייזער און קיינער אין דעם לאַנד, אין וועלכן זיי געפונען זיך, דאַרף ניט אַרומגיין הונגעריק, באָרוועס און נאַקעט, ניט האָבן וואו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. דאָן שטעלן זיי אַוועק אין יעדן געגנט שפּיטאָלן, וואו זייערע דאָקטוירים היילן אַלעמען זייערע חולאתן; אַנשטאַלטן פאַר הילפלאָזע; זייערע לערער פילן אויס די שולן; און אין דעם לאַנד האָבן אַלע ווער סע זאָל זיי מאַכן געלערנט. זייערע פילאָזאָפן ברענגען ארויס אַלע מאָל אַנדערע פילאָזאָפיעס, נייע טעאָריעס וועגן דער וועלט און וועגן דעם לעבן... וויסנשאַפטלער, — דערפינדונגען, אַנדעקונגען; שרייבער — ביכער מיט די אינטערעסאַנטסטע געשיכטעס; פּאָעטן, — וואונדערליכע לידער און פּאָעמעס, מוזיקער, — שיינע מעלאָדיעס. אין יעדער שטאָט, אויף איטליכער גאַס שטעלן זיי אַוועק טעאַטערס, וואו זייערע אַקטיאָרן, טענצער, מוזיקאַנטן, אַקראָבאַטן פּראַוון אָפּ פאַרשיידענע סצענעס, קונצן, און יעדערער אין דעם לאַנד קען זיך אַמוזירן און דאַרף ניט אַרומגיין אומעטיק. מיט איין וואָרט: זיי טוען אויף אָן אַ שיעור וואונדערליכע זאַכן! דאָן, געפונען זיי זיך ניט אין איין לאַנד — נאָר זיי זיינען צעשפּרייט איבער אַ סך; און אין דעם לאַנד, וואו זיי זיינען דאָ מער, אַלץ בעסער און באַקוועמער מאַכן זיי דאָרט דאָס לעבן...

אויף דער וועלט איז דאָ אַ לאַנד, וואָס הייסט: אַמעריקע; האָט עס אַריינבאַקומען פון די אידישע די גרעסטע צאָל. מע ציילט זיי אין דעם אַצינד: ביי אַ זעקס מיליאָן! איז דאָס לאַנד אַ גן־עדן! פון יעדער זאַך, וואָס קען נאָר עמיצן טויגן, האָבן זיי געמאַכט פאַבריקן; אויפגעעפנט געשעפטן — אַנטוויקלט דערפון אַ גאַנצע אינ־וסטריע! און דאָס לאַנד פאַרמאָגט: באַנען, שיפן, געפלאַסטערטע וועגן, אפילו קנעפּלעך, מער פון וועלכע ניט איז מדינה אין דער וועלט! עס איז נאָך אַזאַ לאַנד מיט אַזוי פיל גוטס אויף דער וועלט ניט געווען!...

אין דעם לאַנד, אַמעריקע, איז דאָ אַ שטאָט, וואָס הייסט: נוי־יאָרק; ציילט מען דאָרט די אידישע: ביי אַ דריי מיליאָן! נו, נו, איז נאָך אַזאַ וואונדערליכע שטאָט, זינט די וועלט שטייט אין ערגעץ ניט געווען! קיין שום פאַנטאַזיאָר וואָלט זיך אַזאַ שטאָט גאָרניט געקענט אויסמאָלן! הייזער געבידעס זיינען דאָרט אַזוי הויך, אַז זיי שפּאַרן זיך אַריין מיט זייערע דעכער אין הימל און די לבנה, וואָס שוועבט דאָרט, האָט זיך אַ סך מאָל צעדאַפּעט איבער זייערע שפּיצן און איז אַרויסגעקומען מיט איר פּנים אינגאַנצן באַגאָסן מיט בלוט... באַנען לויפן אין איר איבער די דעכער, אונטערן טייך! אין וועלכע קלייטן, און וואָס פאַר אַ צאָל, די אידישע האָבן דאָרט אויפגעמאַכט! אַכט מיליאָן מענטשן לעבן אין איר און יעדערער קען זיך אויף יעדן אָרט, צו יעדער צייט קריגן אַלץ וואָס ער דאַרף; אפילו, ווען איינער נויטיקט זיך אין אַביסל מזומן, האָבן זיי דאָרט אַזוינע קלייטן, אין וועלכע ער קען זיך עס קריגן צולייען — אויף אַ משכון, פאַרשטייט זיך — און ניט דאַרפן גיין אָנבייגן דעם קאָפּ פאַר אַן אייגענעם — פאַר אַ ברודער, פאַר אַ שוועסטער...

פאַבריקן וואַרשטאַטן האָבן דאָרטן די אידישע געמאַכט, וועלכע געבן אַרויס אַרטיקלען, וואָס מענטשן קענען זיך מיט זיי באַנוצן, אין גוואַלטיקע קוואַנטיטעטן! די שטאָט פאַרמאָגט אַלערליי שולן, יוניווערסיטעטן, די גרעסטע שפּיטאָלן, די פיינסטע אַנשטאַלטן פאַר הילפלאָזע, גרויסאַרטיקע האָטעלן, די גרעסטע, די שענסטע טעאַטערס! עס איז גאָר ניט צו באַשרייבן די וואונדערליכע זאַכן פון דער שטאָט!

דאָס גרעסטע וואונדער פון איר! —

די איינוואוינער פון דער שטאָט זיינען ניט פון איין גלויבן, רעדן ניט אַלצאיינס דאָס לשון, עסן ניט די זעלבע מאכלים, האָבן בכלל ניט קיין גלייכע מינהגים. אין אַנדערע מקומות האַלטן מענטשן צווישן זיך מלחמה איבער דעם; איינער וויל ניט פאַרטראָגן דאָס אַנדערשקייט פון'נעם צווייטן, אַז ער גייט אים דערפאַר שוחטן און שטעכן הענגען און שיסן, ברענען און בראָטן, קנייפּן און רייסן, ציפּן און בייסן. אַזוי למשל, ווען ערגעץ־וואו, ווערט איינער עסן פיש מיט טאָמאַטן און ער ווערט דערביי זען אַ צווייטן עסן די פיש מיט כריין, ווערט ער אים דערפאַר פריער שעלטן אין טאַטן און זיך כאַפּן אים אויסהאַקן די ציין... אָדער: ווען איינער עסט לאָקשן מיט קעז, אַ צווייטער דענעבן — לאָקשן מיט יויך, איז דער ערשטער קאַפּאַבל אים דערפאַר צעטיילן דעם בויך...

מיט דער רעליגיע אין אַנדערע מקומות איז נאָך ערגער;

די אידישע, למשל, האָבן זיך שוין פון לאַנג אויסגעפונען, אַז די וועלט האָט נאָר איין פאָטער; זיינען מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, געקומען אַנדערע, וואָס ווילן האָבן — אויך אַ זון מיט אַ מוטער, קוקן דערפאַר

די לעצטע אויף די ערשטע, אַזוי ווי „ראַבטשיק" אויפן קאַטער... אין דער שטאַט, ניו־יאָרק, אין אַמעריקע בכלל, איז עס שוין ניט אַזוי; קיינעם אַרט דאָרט ניט אין וואָס אַ צווייטער גלויבט, וואָס ער עסט און ווי אַזוי ער רעדט; אין איין מקום, אויפן זעלבן טיש, קען זיך איינער שלינגען לאָקשן מיט קעז: אַנגעלייגט — אַ גאַנצער פּ——... אַ צווייטער — כליעבטשען זיי מיט אַ גאַנצן צעבער יויך, וועט ער אים דערפאַר ניט טשעפּען דעם בויך... אַזוי, מעג זיך דאָרט איינער גלויבן אין פאָטער, אַ צווייטער — אין טאַטער, קוקן זיי ניט איינס אויף ס'אַנדערע אַזוי ווי אַ כלב אויף אַ קאַטער... די איינוואוינער פון דער שטאַט ניו־יאָרק זיינען, הייסט עס: איינער צום צווייטן טאָלעראַנט — יעדערער איז דאָרט פריי זיך אויפצופירן ווי אים געפעלט...

אַ סך צו פאַרדאַנקען פאַר אָט־דער פרייהייט, האָבן זיי צו די איירישע.

ווייל, ווי שיין, ווי קלוג, ווי פּייאיק, ווי פיין און ווי וואויל, זיי זיינען, זיינען זיי חוץ די טייערע אייגנשאַפטן זייערע, מיט וועלכע זיי ברענגען אַזוי פיל גוטס פאַר אַלעמען, אויך די טאָלעראַנטסטע! מעג זיך אפילו איינער גלויבן אין אַ שטיין, וועלן זיי מיט אים דערפאַר אין מלחמה ניט גיין. פאַרקערט, זיי טוען אַלעמען גלייך טובות; געבן יעדן צו פאַרדינען פאַר אַ לעבן, מעדיצינישע הילף; אַ סך פון די איירישע זיינען זיך ממש מקריב פאַרן וואויל און בעסטן פון אַלע אַנדערע; אָן אַ שיעור פון זיי געבן אַוועק זייערע יאָרן און לעבן צו אָרגאַניזירן די אַנדערע אין געזעלשאַפטן, צו אַרבעטן, צו דערגרייכן אַ שענערן און בעסערן לעבן...

נאָך עפּעס, אויסערגעוויינטלעכסט וועגן די איירישע:

מילא, זיינען זיי שיין און קלוג און אַזוי ווייטער, האָבן זיי נאָך אָבער קינדער, זיינען זיי אַזוי ווי מלאכימלעך!... דערצו קומען זיי די מערסטע מיט גאונישע קעפּ! ביי זיי אַ קינד פון אַ יאָר פינף, וועט שוין קענען בעסער לייענען און שרייבן פונעם לערער, און וויסן מער פונעם פּראָפעסאָר... אַז מע לערנט זיי מוזיק: שפּילן פידל, פּיאַנאָ, וואָזשע פּאַסירט? אין אַ פּאָר חדשים געבן זיי אָפּ אַ קאָנצערט, אַז סע קלינגט מיט זיי די וועלט, אַז די בייוועזנדע גייען אַוועק מיט צעפּלאַטשטע הענט פונעם פּליעסקען און הייזעריקע פונעם שרייען: בראַוואָ! ביס!...

דאָס וואונדערליכסטע!

מאַכט זיך ביי די איירישע ניט קיין שיינע, ניט קיין קלוגע, וואָזשע פּאַסירט? האָבן זיי קינדער — די שענסטע, די געראָטנסטע אין דער וועלט! ביי אַ טאַטן מיט אַ נאָז ווי ביי אַ עלעפאַנט, ביי אַ מאַמען מיט אַ צורה ווי ביי אַן אַרעסטאַנט, וועט אַרויסקומען אַ טעכטערל

מיט אַ נעזעלע, אַן אָפּגעטאָקטס! מיט געגריזלטע הערעלעך! און װעט אויסשײנען אַזוי, — נאָר אַ פּאָר פּליגעלעך און זי איז פּאַרטיק אַ מלאכל!... אַזוי, ביי אײרישע, נאַרישע, תמעוואַטע, טאַטע־מאַמע, וואָס ווייסן אפילו ניט די צורה פון אַן אלף — אַ זון — אַ דאָקטער, אַ פּראָפעסאָר! שרייבער! אַ רב!... ביי אײרישע טאַטע־מאַמע, מיט קולות ווי פון קראָען און זשאַבעס — אַ זון, וואָס דאַוונט אָפּ אין דער פיינסטער שול פאַרן גרעסטן עולם אַ "שבת"... ביי אַ טאַטן, אַ גע־ליימטן, אַ קוים־וואָס־ער־רירט־זיך, — אַ זון — אַ קאָמעדיאַנט, אַן אַקראָבאַט, וואָס וועט ניט בלויז גיין אויף אַ שטריק, נאָר ער וועט אויף איר לויפן... ביי אַ טאַטן, אַ פּעיטמעט — אַ זון אַן אַדוואָקאַט, אַ רעד־נער, אַ בעל־דרשן אין דער וועלט!... ביי אַ טאַטן, אַ וואַסער־פירער — אַ זון אַ פּאָלקספירער, אַ פּאַרטיי־פירער, אַ יוניאָן־לידער, אַ פּרע־זידענט!...

אין דער שטאָט ניו־יאָרק איז פאַראַן אַ געגנט, וואָס הייסט: ברוקלין, ציילט מען דאָרט די אײרישע: אַ מיליאָן! זיינען צווישן זיי דאָ גאָר אַ סך אײרישע: נאַרישע, טאַמעוואַטע, דערשלאָגענע, מיאוסע; וואָזשע איז? קומען טאָקע פון זיי אַרויס גאַנצע מחנות דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, לערער, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן, אַרכיטעקטן, שרייבער, מוזיקאַנטן, אַקראָבאַטן, טענצער, ספּאָרטלער, אַטלעטן; אויך סוחרים, פאַבריקאַנטן, לידערס פון אַרבעטער־יוניאָנס, פון פּאַרטייען; פּרע־זידענטן פון פאַראײנען, פון אָרגאַניזאַציעס, פון גאַנצע נאַציעס!...

און די ברוקלינער דאָקטוירים זיינען ניט סתם דאָקטוירים, נאָר זיי זיינען אומגעהויער גרויסע ספּעציאַליסטן און ניט אַבי וואָסער אַ פּאַציענט קען זיך דערביוען צו אַזוינעם, נאָר אײנער, וואָס האָט אַ אויסערגעוויינטליכע נאָז; אַזאַ, וואָס שמעקט גאָרניט, אָדער, וואָס קען דערשמעקן פון וואַשינגטאָן וואָס קאָכט זיך ביי דער ענגלישער מל׳ כה אין טעפּל אין לאָנדאָן; אָדער אַ נאָז, וואָס דינערט, בליצט, גיסט מיט גאַנצע צעבערס... אָ דער אַן אויג וואָס קוקט פאַרקערט; אַ פּוס, אַ לאַפּיצאָנסקע; אַן אַנדער אבר, ניט ווי עס געהערט צו זיין. און איבער־הויפּט, דאַרף ער האָבן אַן אַבנאָרמאַלע טיפע קעשעניע און דאָס ניט קיין ליידיקע, נאָר אַן אָנגעפּילטע מיט מזומן... פּאָעטן פון ברוקלי־נער אײרישע טאַטע־מאַמע קלערן אויס די לוסטיקסטע לידער, צו וועלכע מוזיקער פון ברוקלין טראַכטן צו פריילעכע ניגונים, וועלכע מע זינגט און מע שפּילט און מע טאַנצט אויס איבערן גאַנצן לאַנד — איבער דער גאַנצער וועלט! אַקטיאָרן טענצער מוזיקאַנטן אין באַנדעס, אין בענדס... פון ברוקלין פאַרפלייצן דאָס גאַנצן לאַנד און פּראַוועצן אַזוינע סצענעס, קונצן, הויפּטזעכלעך קאָמישע, פון וועלכע צושויער קייכן פון געלעכטער... אין די ברוקלינער יפת־תארס־יפיפיות, פאַר־ליבן זיך פּרינצן גראַפן מאַרקיזן שייכן אפילו קייסאָרים און פאַלן פּאַר

זיי אויף די קני און פאַר זייערס אַ שמייכל, פאַר זייערן אַ גלעט, בפרט נאָך פאַר אַ קוש, וועלן זיי אָוועקגעבן ס'לעבן...

אַן אַטלעט פון אַ ברוקלינער איירישן צעקראַכענעם טאַטן, וועט אַריינכמאַליען אַ צווייטן אַ זעץ, וואו מע וועט אָפּציילן אַ מליון און ערט זיך נאָך ניט האָבן אויפגעהויבן... אַזוי אויך פון ברוקלין אַן איירי־שער פילקע־שפּילער דערלאַנגט מיטן פּאָלאַן אַ טראַך אין דער פּילקע, אַז זי פליט און פליט, וואו ער קען אַרומלויפן די וועלט אַרום און אַרום... אַ זון פון אַן איירישן קבצניוק, וואָס האָט קיינמאָל קיין אייגן ווינקל ניט אָנגעזען, בויעט אויס גאַנצע שטעט, ריזיקע געבידעס, פּרעכ־טיקע פּאַלאַצן!

נו, זיינען זיי אַ וואונדערליך פאָלק! אַז טאָמער שוין אַן איירישער, אַ מיאוסער אַ טאַמעוואַטער, האָט ער קינדער גאַר חנעוודיקע מיט גאָו־נישע קעפּ, וואָס טוען אויף, נאָך מער ווי די געוויינלעכע, גרויסע וויכ־טיקע זאַכן!...

אין איינעם זיינען זיי, ווי שוין געזאָגט פאַר יעדן לאַנד, וואו זיי געפונען זיך, אַ גרויסע ברכה, אַן עכטער גליק. עס קומט זיי דערפאַר — נאָך מער די תמעוואַטע, געליימטע, מיאוסע איירישע — אָפּגעבן גרויס כבוד!... מע דאַרף אַלע פאַר זיי אומעטום אַראָפּנעמען דאָס היטל און שרייען: הוראַ! — הוראַ פאַר די איירישע!...

און אַזאַ כבוד קומט זיי נאָר פאַר דעם וואוילזיין, וואָס זיי ברענ־גען אומעטום פאַר אַלעמען אַצינד, אָבער נאָך אַ גרעסערן רעספּעקט פאַרדינען זיי זיך, פאַר דער גוטס, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן זינט אַן זיי האָבן זיך באַוויזן ביז אַצינד!

וואָס פאַר אַ גוטס?

קאַפּיטל ב.

דער אומגליק פון די פאַלשע געטער...

פריער, איידער די איירישע זיינען געקומען אויף דער וועלט, האָבן די מענטשן געהאַט אַ סך געטער; אַ גאָט פונעם פייער, פון דעם וואַסער, פונעם ווינט רעגן; דער בליץ איז ביי זיי געווען אַ גאָט; דער דונער; די זון, לבנה, שטערן זיינען ביי זיי געווען געטער, — אַ געטין פון דער ליבע, פון דער פרוכטבאַרקייט, אַ גאָט פון מלחמה, און די געטער זיינען מערסטנס געווען בייזע, האָבן גאָר קיין פּנים ניט גע־האַט פון קיין מענטשן, נאָר פון חיות, פון בהמות, פון פייגל, פיש, שלאַנגען, עקדושן, פון אויסטערלעשע פאַרזעענישן... און די געטער האָבן פאַרלאַנגט פון די גלויבער אין זיי קרבנות. און די לעצטע האָבן פאַר זיי מקריב געווען די קרבנות פונעם שענסטן און פונעם בעסטן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט: די גרעסטענסטע תבואות, די פעטסטע שאָף, די גראָבסטע רינדער. ניט זעלטן פלעגט זיך איינער אַליין אויסציען אויפן מזבח פון זיין גאָט און דער כהן האָט אים מיט אַ מעסער איבער־געכיקערט דעם האַלדז — פאַרגאָסן זיין בלוט און אים פאַרברענט פאַר אַ קרבן צו זיין גאָט... אָדער, ער פלעגט אַליין בינדן זיין טייערסט, זיין גרעסטענסט קינד, אַוועקלייגן עס אויפן מזבח און אויב ניט דער כהן, האָט ער עס אַליין געקוילעט, און פאַרברענט... אַזוי פלעגן זיי שפּרינגען אַליין, וואַרפן זייערע קינדער צום פייער, וועלכער איז ביי זיי געווען אַ גאָט...

און די געטער זיינען געווען פאַר די מענטשן דער גרעסטער אומ־גליק!

וואָרעם דער אָקסן־גאָט (איין גאָט איז ביי זיי געווען ווי דער אָקס) ווען ער איז אַריין אין צאָרן האָט געקאָנט, אָט ער, זיך געבן אַ טראָג מיט זיינע געטלעך־מעכטיקע הערנער, צעררייסן די גרעסטע בערג, צע־רויען די גאַנצע ערד! ער האָט געקענט, האָט ער, מיט זיין געטלעך־ריזיקן ווידל כאַפּן קניאַקן אין דער ערד, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך נעמען טרייסלען און שאָקלען, אַז אָט־אָט קערט זי זיך איבער... פאַר ניט דערגאַדיען אים דעם ריכטיקן קרבן, האָט ער געקאָנט, האָט ער, געבן זיך אַ יאָג אויף אַ שטאָט און מיט זיינע געטלעכע שטאַרקע הער־

נער מיט איין קראַך, אירע גראָבסטע װענט צעשטייסן אויף פּראַך! דאַן זאָל ער מיט זיך גרויסן גראָבן און לאַנגן געטלעכן שטאַרקן װײדל דערלאַנגען אַ זעץ אין דער ערד, װאו סע זאָל װערן, זאָל, אַזאַ ברײטע און אַזאַ טיפן גרוב, אין װעלכער אַלע פון דער שטאָט זאָלן אַרײנפאַלן, זאָלן, און װאו ער זאָל דערנאָך מיט זײנע געטלעך ריזיקע פיס מיט דער ערד פון אַרום זײ פאַרשאַרן און פאַרבריקען, אַז קײנער זאָל אפילו ניט װיסן װאו זײ זײנען אַהין געקומען...

ניט בלויז די, װאָס האָבן פאַרמאָגט, — אַן אָרעמע עלנטע פרוי, װאָס האָט געהאַט ניט מער װי איין ביסעלע מעל מיט אַ קאָפּל בוימל, קוים גענוג אויף אָפּצובאַקן זיך איין פּאָפּאַליק, האָט עס אַװעקגעגעבן צום כהן פאַר אַ קרבן צום אָקסן־גאָט; װאָס איז? זי האָט זיך געפאַרכטן, טאָמער גייט ער אַריך אויף איר אין צאָרן, — דערלאַנגט ער איר אַ בריקע, װאו זי פליט צו אַלדע שװאַרצע יאָר, היגטער די הרי־חושך און פאַלט דאָרט אַרײן אין דער שאול תחתיה...

די שלאַנג גאָט האָט געקענט, האָט אירע דינער פאַר ניט דערפילן איר פאַרלאַנג, באַפאַלן און זײ נעמען בייסן...

דער פיש־גאָט האָט געקענט, האָט, אָננעמען אַ מויל מיט װאַסער און געבן אויף זײנע דינער אַ כליפּע, װאו זײ זאָלן זיך אַלע נעמען טרונקען; אָדער, ער זאָל מיט זיך געטלעכן עק נעמען פּאַטשן אין דעם װאַסער, אַז סע זאָל אָנהויבן שפּריצן אויף זײ אַלעמען אַ געפּערלעכער שלאַקס־רעגן! אים האָבן זײנע דינער געדאַרפט צװאַרפן יינגע שיינע מיידלעך; האָבן זײ איינמאָל, האָבן זײ, אים צוגעװאָרפן אַן אַלטע יידענע, װייל זײ האָבן געמאַכט אַ טעות; װאָרעם זי איז געװען אַזוי אויסגעפוצט, אַז זי האָט אויסגעקוקט נאָך שענער פון אַ יינגער! נו, נו, האָט ער גענעמען פליוכען אויף זײ און זיך װאַרפן און פּאַטשן מיטן עק אין דעם װאַסער, אַז סע איז אויפגעגאַנגען אַ שפּריץ ביז אונטערן הימל און איז פון דאָרט אַראָפּגעפאַלן אויף זײ: אַ גאַנצער מבול, װאו זײ זײנען אַלע דערטרונקען געװאָרן...

דער דינער, װען אַ רשע האָט זיך באַהאַלטן אפילו הינטערן בעט, האָט ער אים דאָרט דערטאַפּט און זיך מיט אים אָפּגערעכנט...

דער װינט האָט גענומען שטאַרק בלאָזן און האָט ביי אַ רשע אויפדערנאַכט, װען ער האָט מיט זיך װייב און קינדער געגעסן װעטשערע אַראָפּגעריסן דעם דאַך און האָט אים אַרויפגעװאָרפן אויף דער שטוב פון זײנעם אַ צדיק... איינמאָל האָט ער די קאַליװשע מיט דער בלאָטע פון דער גאַס פון צדיקים אַרויפגעבלאָזן אויף דער צװייטער גאַס פון רשעים...

אַן דער זון װאָלטן אַלע געטאַפּט אַ װאַנט אין דער פינצטער; אַן

דער לבנה, ווער וואָלט געוואוסט ווען סע איז דער מולד ? און די שטערן וואָלט קיינער ניט געהאַט קיין מזל... און וואָס דער פייער קאָן טאָן צו זיינע דינער פאַר ניט מקריב זיין צו אים ריכטיקע קרבנות, דאַרף מען קיינעם ניט דערציילן...

און אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען שטענדיק אין פחד פאַר די געטער; געקראָכן פאַר זיי אויף די קני; זיך געלייגט פאַר זיי מיטן פנים צו דער ערד; זיי געבעטן, געגלעט, זיי אויעקגעגעבן ס׳לעצטע, זאָלן ניט אַריין אויף זיי אין צאָרן... די מורא פאַר די געטער איז ביי זיי געווען אַזוי גרויס, אַז אַ סך זיינען אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי די מיז...

אייב מק׳העברי און די געטער

האָט אין אַ הויפשטאָט פון אַ מזרח לאַנד ביי דער צייט פון די סך געטער, זיך געפונען אַ נאָבעלע אַדעליקע פאַמיליע, איירישע — די מק׳העברים. זי איז געקומען פונעם העכסטן פונעם געהויבנסטן אַדל; אירע מיטגלידער זיינען געווען: לויטער פרינצן, פירשטן, גראַפן (ענלעך צו אַזוינע...) קרובים פונעם קייסער אַליין דאָרטן.

האָט זיך פון זיי אויסגעגעבן אַ פירשט מיט אַ טאַלאַנט צו מייס־טערוווען פיגורן און בילדער. חוץ פירשט, איז ער אויך געווען כהן צו די דאָרטיקע געטער; פלעגט ער אויסהאַקן פון שטיין, אָפּשניצן פון האָלץ, אויסקנייטן פון ליים פיגורן מיט די געשטעלן פון די געטער דאָרט, זיי אַריינשטעלן אין קלייסטער, אָדער טעמפל, — זיך אַליין ביקן צו זיי און אַנדערע האָבן אים געבראַכט די קרבנות, מקריב צו זיין פאַר זיי, דערביי ביי אים געקויפט אַלע סאָרטן פיגורקעס מיט די פיזיאָנאָמיעס פון די געטער, פון וועלכע ער האָט שוין געהאַט אַ גאַנצן ווערקשטאַט אין חוץ דעם כבוד, וואָס זיי האָבן אים אָפּגעגעבן און דעם דרך־ארץ, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַלס דעם כהן פון די געטער, האָט ער שוין אויך צו זיי קיין פאַרמעגנס ניט דערלייגט...

און די פריסטער פלעגן די פיגורן מיט די פיזיאָנאָמיעס פון די געטער שטעלן אין די טעמפלען, פאַרשפרייטן צווישן זייערע גלויבער, וועלכע האָבן זיך אין זייערע היימען געקניט און געבוקט צו זיי; ווייל אַ פיגור פון אַן אָקס פון אַ שלאַנג־פיש איז צוליב אַלע טעמים געווען באַקוועמער. אַ לעבעדיקער אָקס, שלאַנג, פיש, וואָלט זיי גאָרניט גע־טויגט; אַן אמתדיקער אָקס, ווען איינער נעמט זיך קניען פאַר אים, וואָלט ער אים דאָך געקענט דערלאַנגען אַ בריקע, אָדער אַ שטורכע מיט די הערנער, אַז ער וואָלט שוין פאַרגעסן ווי נאָך אַ מאָל זיך צו קניען פאַר אים... נאָך ערגער — אַ שלאַנג... אַ פיש, וואָלט מען דאָך געדאַרפט האַלטן אין אַ ביט מיט וואַסער... ווייטער, מיטן האַ־דעווען זיי, מיט די אַנדערע הצטרכותן ?... היינטיקע צייטן, וואו די

מערסטע גלויבן שוין אפילו אין אַ מענטש־גאָט — און איינער נעמט אַריין אַ לעבעדיקן, וואָלט עס אים דען געטויגט ?

האָט אָבער דער פירשט, דער כהן געהאַט אַ זון, אַ פרינץ, אַ אייב ; איז דער פרינץ, דער אייב מק׳העברי . . . געוואַקסן אַ זעלטענער חכם און זייער אַ בראַווער. האָט אים דער פאָטער אויך געוואָלט מאַכן פאַר אַ כהן צו די געטער, וואו אויך אים געגומען איינוועגדן צו דעם מלאכע־ווען פאַר זיי.

איז עס אָבער דעם אייב׳ן, זעענדיק ווי דער טאַטע זיינער מאַכט אַליין די געטער און ווי ער שטעלט זיי אַריין אין טעמפל, וואו נאָכער ביקט ער זיך אַליין צו זיי, פאַרגעקומען פאַר זייער נאַריש און ער נעמט זיך אַזוי אַריינקלערן אין דעם ענין פון די געטער און קומט צום אויס־פיר : ראשית, זיינען זיי גאָר קיין געטער ניט ; וואָרעם, לויט אַנדערע האָבן עס שוין איבערגעגעבן, האָט ער געזען, אַז דער פייער איז קיין גאָט ניט, ווייל מע קען אים פאַרלעשן מיט וואַסער . . . — וואַסער ווערט געטריבן פונעם ווינט און מע קען זי אויך אויסגיסן . . . — די זון ווערט פאַרשטעלט פון כמאַרעס (מע קען זי פאַרשטעלן מיט אַ פאַראַסאָל אויך . . .) ווייטער, באַטראַכטנדיק דעם גאַנג פון דערשיינונגען פון דער נאַטור, ווי אַזוי די זון גייט אויף אַלע טאָג און פאַרגייט, ביינאַכט קומען די שטערן, אינדערפרי זיינען זיי נישטאָ, פאַרשטייט זיך אים, אַז סע מוז זיין אַ גרויסער אַלמעכטיקער גאָט, וואָס האָט די וועלט מיט די אַלע דערשיינונגען באַשאַפן . . . און אַז זיין אָרט איז ניט ערגעץ אין אַ וואַלד, אין אַ הייל, אויף אַ באַרג, ניט אפילו אין קיין טעמפל, נאָר אויפן גרויסן און ברייטן הימל, פון וואַנען ער באַלעבאַטעוועט מיט ווי ווינטן, רעגנס, דינערן און בליצן ; זון, לבנה און שטערן. און לויט דער טבע פון די לעבעדיקע ברואים, וואָס ער האָט באַשאַפן, ציילט ער זיך איבער, אַז דער אַלמעכטיקער גאָט איז ניט קיין בייזער, ניט קיין שלעכטער, נאָר אַ גוטער און אַ גערעכטער, וואָרעם, ער זאָל זיין אַ שלעכטער, האָט זיך אים מסתמא געקלערט, וואָלט ער די מענטשן, היפּצעכטלעך, ווי נאַריש און ווי אַזוי געמיין זיי באַנעמען זיך, געדאַרפט פון איר משלח זיין . . . און אַזוי זיך איבערצייגנדיק אין דער עקסיסטענץ פון אַן אייג־ציקן אַלמעכטיקן, גוטן און גערעכטן גאָט אויפן הימל, הערט ער אויף גלייבן אין די נאַרישע, פאַלשע און שלעכטע געטער פון זיין טאַטן און נעמט זיך דינען צום אמתדיקן גוטן און גערעכטן גאָט אין הימל. און וואָס זיין דינען צו אים איז באַשטאַנען, ווי עס איז איבער אים באַשריבן, צו טאָן מעשים טובים פאַר אַנדערע . . . און ער נעמט רעדן און פריי־דיקן דעם נייעם גלויבן צו זיינע אַרומיקע. און עס איז געשען, וואו אַ סך האָבן זיך איינגעהערט צו אים און האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע פאַלשע, נאַרישע און שלעכטע געטער און האָבן זיך איבערגעקערט צו דעם אמתן, גוטן און גערעכטן גאָט פון אייב מק׳העברי . . .

מעשהלעך זײנען פאַראַן: קאָמישע און טראַגישע און טראַגיש־קאָמישע פון די אײנפאַלן, מיט װעלכע דער איבער האָט זיך באַנוצט אויף איבערצוצײגן אַנדערע, אַז זײערע געטער זײנען קײן געטער ניט, באַר, אַז סע איז דאָ אײן־און־אײנציקער, אַלמעכטיקער גאָט אין הימל, און װעלכן אַלע דאַרפן גלײבן. און נאָך מעשהלעך קען מען דאָך יעדערער אַלײן דערצײלן... (גיט זיך נאָך אָפּ אַ חשבון פון אײער אײגענעם לעבן...).

װער האָט געמאַכט אַ רעגן:

אײן מעשהלע, װאָס דער מחבר אַלײן גײט דאָ דערצײלן, איז אַזאַ:

אַ זומער, װאו די מק׳העבריס האָבן געװאוינט איז ניט געגאַנגען קײן רעגן. אַ פרימאָרגן קומט אַרײן אַ דערשלאָגענע, אויסגעמאַטער־טע „יידענע", אַ אישה, אין טעמפל פון איבס טאַטן, פאַלט אַװעק פאַרן גאָט פון רעגן און בעט אים, ער זאָל שױן, װאָס גיכער מאַכן אַ רעגן. דערבײ קלאָגט זי פאַר אים, װי אַזױ איר שטיקל פעלדל און גאָרטן זײ־נען שױן פאַרשרפהט פון דער זון, און, אַז אין איר װאַסער־גרוב איז שױן ניטאָ קײן קײן לעק פאַר אירע בני־בית, און אַז פון די צװײ ציגן, װאָס זי האָט פאַרמאָגט האָט שױן אײנע אויסגעצויגן די פיס, און אַז טאָמער, בעט זי אים, מאַכט ער ניט קײן רעגן, װעלן זײ אַלע אויס־שטאַרבן!

און זי בעט אים און זי גלעט אים, ער זאָל שױן אַראָפּשיקן אַ רעגן...

אָפּגעבעטן און אָפּגעבעטן אים, סוף־כל־סוף האָט זי זיך אויפגעהויבן, — אַרײנגעװאָרפן אַ מטבע אין טשײניק מיטן שפּריצער, װאָס דער גאָט האָט געהאַלטן (דער רעגן־גאָט האָט פאַרגעשטעלט אײנעם, װאָס האַלט אַ טשײניק מיט אַ שפּריצער. — װי דען אַנדעריש?...). און אַ מידע אַ צעמאַטערטע, האָט זי זיך אַרויסגעשלעפּט פונעם טעמפל אַהײם. אָבער, לא רעגן ולא כמאַרע אפילו!...

אויף מאָרגן קומט זי נאָך אַ מאָל אין טעמפל אַרײן און װײטער בעט זי אים פאַר דעם רעגן־גאָט און װאַרפט אַרײן אַ מטבע אין דעם טשײניק מיטן שפּריצער, װאָס דער געץ האָט געהאַלטן און אַ צעמאַ־טערטע, דערדרוקטע שלעפּט זיך אַהײם און לא רעגן ולא װאָלקן!

אויפן דריטן טאָג קומט זי װידער אין טעמפל און װײטער דאָס נעמלעכע און דער איבער זעט אַלע מאָל װי זי ליגט אַזױ פאַרן געץ, בעט אים און גלעט אים ער זאָל מאַכן אַ רעגן, גײט ער צו צו איר און זאָגט איר: „אוי, נאַרישע „יידענע", װאָס איר זײנט, װאָס בעט איר בײ אים, ער זאָל מאַכן אַ רעגן? ער איז דאָך ניט מער װי אַ שטיק האָלץ!"

— אַזױ גיט ער אים אַ שטויס מיט דעם פוס, װאו ער פאַלט אום און װערט צעבראָכן, און אַזױ זאָגט ער װײטער צו איר: „איר זעט, ער קאָן זיך אַלײן ניט העלפן, װי אַזױ־זשע קען ער טאָן עפּעס פאַר אַנדערע? דערבײ נעמט ער איר אײנרעדן, װי אַזױ סע איז דאָ נאָך אײן גרויסער

און אַלמעכטיקער גאָט אין הימל, וואָס איז דער מאַכער פונעם רעגן און אַז זי זאָל זיך ווענדן צו אים, וועט ער איר העלפן!

הערט זי אים אויס און לאָזט זיך אַראָפּ מיט די קני אויף דער ערד און הויבט אויף די אויגן מיטביידע הענט צום הימל און זאָגט אַזוי מיט פאַרצווייפלונג: „גאָט פון אייבּ׳ן, פון אַלץ און אַלעמען, דערבאַרעם זיך אויף דיינע באַשעפענישן און גיס אַראָפּ אַ רעגן!...” און איידער זי האָט נאָך אָפּגעבעטן, דערהערט זיך שוין: ברוו! ברוו! — דונערן!... און עס נעמען קריכן אויפן הימל איינס אויף ס׳אַנדערע, וואָלקנס... און אונדזער אייב זאָגט צו איר, זי זאָל גיין וואָס גיכער אַהיים, אַריינשטעקנדיק איר אין דער האַנט אַריין די פאַר מטבעות פונעם טשייניק, וואָס דער טאַטע זיינער וואָלט זיי געוועז צוגענומען... און אַז גאָט פונעם הימל גיט, גיט ער מיט דער פולער מאָס... און ס׳איז אַראָפּ אַ שלאַק־רעגן, וואו די „יידענע” איז געקומען אַהיים נאָס אַזוי ווי אַ קאַטשקע...

און די „יידענע”־פרוי — האָט מער ניט געוואָלט וויסן פון אירע פריערדיקע געטער — זי האָט זיי אַלע אַרויסגעוואָרפן און האָט פאַר יעדן דערציילט דעם נס פון דעם נייעם גאָט. און אַז אַ „יידענע” גלייבט, גלייבט זי... און זי האָט צו אַ יעדן גערעדט, ער זאָל אַוועקוואַרפן די פאַלשע געטער... און זי איז ניט געווען די איינציקע — אַ היפּשע צאָל פון די, וואָס זיינען געקומען זיך ביקן צו זיי, אָדער קויפן ביי אים אַ געצקע אַהיים, האָט ער זיי באַאַרבעט, אַז זיי האָבן שוין מער די געצקעס ניט געקויפט, נאָר זיי האָבן זיך מיט גרויס חשק גענומען פאַרשפּרייטן זיין גלויבן צווישן אַנדערע און אַ סך האָבן שוין טאַקע אַוועקגעוואָרפן זייערע אַלטע געטער און האָבן זיך איבערגעקערט צום גלויבן פון אייב מק׳העברי...

ווען די געטער האָבן געגעסן קאַשע...

מיט זיין טאַטן, (לויט אַנדערע האָבן עס שוין איבערגעגעבן), דעם כהן גדול האָט ער געהאַלטן אין איין שטרייטן און אייבטענהן ווי אַזוי זיינע געטער זיינען קיין געטער ניט... ער האָט אים געבראַכט באַווייזן אויף באַווייזן. אָבער יענער האָט עס אים ניט געוואָלט צוגעבן און האָט זיך געקריגט מיט אים און האָט אויף אים געשריגן, הלמאי ער רעדט גאָר לשון־הרע אויף זיי. נאָר לסוף מאַכט ער עס אים צוגעבן מיטן פאָלגנדן אויפטו;

איינע פון זיין טאַטנס דינסטן (עבודות) צו די געטער איז געווען, אַוועקלייגן פאַר זיי מאכלים. געגעסן זיי, פאַרשטייט זיך, האָבן זיי ניט — נאָר לפנים ווענן... אָבער אַ דינסט צו די געטער, איז אַ דינסט. און ער האָט זי שטענדיק מיט ריכטיקן צערעמאָניאַל אַדורכגעפירט...

ויהי היום, וואו זיין טאַטע דער כהן האָט געמאַכט פאַר זיי אַ

קאַשע... — זי אַריינגעבראַכט אין טעמפּל, מיט די ריכטיקע צערע־מאָניעס, — מיט פּרומפּלעריי, מיט בייגן זיך, אַוועקגעשטעלט פאַר יעדן איינציקן געץ אַ שיסל — זי אָנגעפילט מיט קאַשע, מיט אַ לעפל און ער האָט זיך אַזוי נויגנדיק פאַר זיי, מיט הינטערטריט זיך פונעם טעמפּל אַרויסגערוקט...

וואָס־זשע טוט אונדזער איזב? ער נעמט אַ גרויסע האַק, גייט אַריין אין טעמפּל און צעהאַקט די געטער אויף שטיק־שטיקלעך, איבער־לאָזנדיק נאָר דעם גרעסטן געץ... דאָן, האָט ער גענומען אַלעמענס קאַשע — אַריינגעוואָרפן אין דער שיסל, וואָס איז געשטאַנען פאַרן איבערגעלאָזטן גרויסן געץ, אין איין האַנט אים אַריינגעשטעקט די לעפל, און דער אַנדערער — די האַק, — אַרויס, — פאַרשלאָסן די טיר און — גאָרניט...

אויף מאָרגן אין דער פרי קומט אַהין אַריין זיין טאַטע, דער כהן... אַ גוואַלד אַ געשריי, — אַן אומגליק אַ צרה איז אים!...

קומט צו לייפן איזב, קוקט אַהער, קוקט אַהין און זאָגט צו אים: טאַטע, דו זעסט, אָט־דער גרויסער גאָט, ציינגנדיק אים אויפן גרויסן געץ, האָט דערהרגעט אַלע געטער און צוגענומען פאַר זיך זייער קאַשע, אים ווייזנדיק, ווי ער האַלט אין איין האַנט די האַק, אין דער אַנדערער די לעפל, און וואו זייער אַלעמענס קאַשע ליגט אין זיין שיסל!...

— דו שייגעץ, איינער — שרייט דער טאַטע זיינער אויף אים, ווילד פון צאָרן — וואָס דערציילסטו מיר פאַר אַ מעשיות, ווי אַזוי קען ער טאָן אַזאַ זאַך, ער איז דאָך פון שטיין?!

— אויב אַזוי טאַטעניו, וואָס־זשע גלייבסטו אין אים, אַז ער איז פון שטיין? — וואָס גלייבסטו ניט בעסער אין דעם אַלמעכטיקן גאָט, אין הימל? — זאָגט ער צו אים אַזוי און זעצט פאַר: וואָס קען אַליך מאַכן די קאַשע? און נעמט אים דערקלערן ווי אַזוי... אָבער דאָ איז זיין טאַטע עפּעס מיט אַמאָל פאַרשוויגן געוואָרן און האָט זיך אַרויסגעש־שפּאַנט פונעם טעמפּל... דאָן האָט דער איזב אַרויסגעכאַפּט די האַק פונעם גרויסן געץ און אים אויך צעהאַקט און צעשפּליטערט אויף שטיק־שטיקלעך...

מאַסן, גרויסע מאַסן, האָבן זיך איבערגעקערט צום גלויבן פון איזב'ן מק'העברי. אָבער עס זיינען נאָך געבליבן גענוג און נאָך מער ווי גענוג, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן מיט די נאַרישע, פאַלשע געטער; זיי זיינען שוין געווען אַזוי פאַרצוואָקעט אין זיי, אַז עס האָט זיי ווי געטאָן זיך אָפּרייסן פון זיי... נאָך ווייניקער האָבן עס געוואָלט טאָן די פּריסטער פון די געטער, זיי האָבן אין דעם גלויבן פון איזב'ן פּשוט דערשמעקט אַ געפאַר פאַר זייער עקזיסטענץ. און די לעצטע מיט די ערשטע האָבן גענומען ברויען אויף אים ביים קייסער פון דאָרט און ביי די איבעריקע פון דער מלוכה, וועלכע זיינען ס'רוב אויך ניט

געוועזן בעסער. און כאָטש וואָס ער איז געוועזן אַ פּרינץ, אַ קרוב למלכות, האָבן זיי דערגרייכט, אַז מע האָט אים געפּרואווט מיט אַ שאַרפער שווערד שניידן דעם האַלדז, אים אַריינוואַרפן אין אַ בראַנדיק־צעגליטן קאַלכאויוון און עס איז נאָר געוועזן מיט נסים וואָס ער איז פונעם אומקום ניצול געוואָרן.

סוף־כל־סוף, „גייט ער אַרויס פון זיין לאַנד, פון זיין געבירט־אָרט, פון זיין טאַטנס הײם" און נעמט זיך וואַנדערן וואוהין די אויגן האָבן אים געטראָגן... אָבער אומעטום, וואו ער באַוויזט זיך, פאַרשפּרייט ער דעם גלויבן אין דעם איין־און־איינציקן, אַלמעכטיק און גוטן גאָט און די וועלט האָט געגומען וואָס ווייטער פּטור ווערן פון דעם אומגליק פון די פאַלשע, נאַרישע, גרוויזאַמע געטער...

און דער גלויבן אין איין און איינציקן אַלמעכטיקן גאָט, איז ביי די איירישע, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון דעם איבֿ, מק'העברי ... דער־קלערט געוואָרן פאַרן ערשטן, פאַרן וויכטיקסטן געבאָט!...

קאַפּיטל ג.

„זאָלסט ניט שווערן פאַלש"

ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן

מענטשן האָבן אַ טבע צו טרייבן רכילות — רעדן לשון־הרע, דערציילן ליגנס איינס אויף ס׳אַנדערע און דאָס ערגסטע דערביי — זיך שווערן כ׳ווייס ווי אַזוי, אַז אַלץ, וואָס זיי זאָגן וועגן די אַנדערע איז אמת ויציב.

שכנים פון איין גאַס, קרובים פון איין משפחה, בעלי מלאכות פון איין פאַך, אַרבעטער פון איין באַלעבאָס, אַרטיסטן — קינסטלער פון איין באַרוף: מוזיקער, מאָלער, סקולפּטורן, אַקטיאָרן (נאָר ניט קיין שרייבער...) פּראָפעסיאָנאַלן: דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינדזשינערן, אַרכיטעקטן; אפילו דאַוונער פון איין שול, רבנים פון איין מין: אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיוון, רעפאָרמער, אויך, להבדיל: גנבים, גזלנים, מיט איין וואָרט: מענטשן פון איין באַרוף, פונעם זעלבן באַשטאַנד, באַרעדן זיך, דערציילן ליגנס איינס אויף ס׳אַנדערע, שווערנדיק זיך דערביי מיט כל השבועות, אַז זיי זאָגן דעם אמת; איז דאָך דאָס באַרעדן זיך פון זיי שלעכט? נאָך דאָס שווערן זיך דערויף פון זיי, טייג גאָר אויף כפרות; ווייל, ווען איינער שווערט זיך אויף עפּעס פאַר אַנדערע, גלייבן זיי אים, וואָס דער תכלית דערפון איז גאָר ניט קיין פייגלדיקער.

אום צו זען די תכליתים, וואָס זיינען שוין אַרויסגעקומען דערפון, וועלן מיר נעמען צום ערשטן דערציילן, וואָס איז געשען נאָך מיט אַ דור צוריק, טיילוויז, נאָך היינט אויך, צו די בעלי מלאכות, וואָס האָבן זיך באַרעדט, געזאָגט ליגנס איינס אויף ס׳אַנדערע, זיך שווערנדיק דערביי כ׳ווייס ווי אַזוי, אַז אַלץ וואָס זיי זאָגן איז אמת.

מירן אָנפאַנגען מיט די סטאָליערס, ווייל דאָס פאַך, סטאָלעריי, האָט שוין עקסיסטירט נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן; וואָרעם, לויט ווי עס איז אין דעם בעסטן בוך, וואָס אויך די איירישע האָבן אים אַרויסגעגעבן, איבער דעם באַשריבן, און אויך ווי עס איז אַליין צו באַנעמען, איז זי געמאַכט געוואָרן: ניט שניידעריש, ניט שוסטעריש, ניט באָנדעריש, אפילו ניט בעקעריש, נאָר סטאָלעריש...

ניט שנײדעריש; זי איז ניט אױפגעניײט געװאָרן װי אַ בגד מיט אַרבל, מיט קאַלאַשעװעס: זי האָט ניט אַזאַ פאַסאָן... ניט שוסטע־ריש; כאָטש צו אַזאַ זאַך, װי אַ פּאָדעשװע מיט אַ פּרישװע, קען זי יאָ זײן ענלעך, אָבער, ניין! — זי װאָלט שוין פון לאַנג געװען מיט אַ צעדרײטן קנאַפּל, מיט אַן אױסגעריבענער פּאָדעשװע און מע װאָלט שוין געדאַרפט האָבן אינגאַנצן אַן אַנדערע... — באַנדעריש? אַז מע גיט אַ קלאַפּ אױף איר, הילכט זי אפילו אָפּ װי אַ פּעסל, באַר, װײטער ניין! — זי װאָלט שוין פון לאַנג געװען פון דער זון צעלעכצט און דאָס גאַנצע װאַסער פון די ימען, טײכן, אָזערעס, ריטשקעס, קרעניצעס, ברונעמער, קװאַלן װאָלטן זיך פון איר אױסגעגאָסן און מע װאָלט אַלע אױסגע־גאַנגען פון דאָרשט. װידער, — בעקעריש? האָבן זיך אפילו לעצטנס געיאַװעט אַזױנע חברה־לײט, װאָס װילן דװקא האָבן, אַז זי איז פאַר־קנאָטן און אױסגעבאַקן געװאָרן אַזױ װי אַ ברױטל... װאָס, לױט זײערע זאָגעכצן, איז װען זי איז אַרױסגעצײגן געװאָרן, צי מיט אַ לאָפּעטע, צי אָן אַ לאָפּעטע פונעם באַקאױװן, איז זי אַראָפּגעפאַלן און זיך גענומען קײקלען, װאו זי קײקלט זיך נאָך אַזױ עד היום הזה...

אָבער, װאָס די חברה זאָגן, מײנט אױך אַ נעכטיקער אײער נעכטן; װײל די װעלט כידוע פאַרמאָגט דאָך פיר װינקלען. װער האָט ניט געהערט פון די ארבע פינות העולם? פיר זײטן: מזרח און מערב פצון און רדום... מיט אַ סטעליע איבער איר, אַ האַלבקײלעכדיקע, װי אַ שיסל, אין װעלכער עס זײנען אַרײנגעזעצט די זון, לבנה און שטערן, װאָס אָן זײ װאָלט מען געטאַפּט אַ װאַנט אין דער פינצטער. און װי פון הױבן אױף דער סטעליע, אין גאָר אַ פײן אױבער־שטיבל, זיצט דאָך איר מײסטער אַלײן מיט זײנע געזעלן... און אַזױנע זאַכן קענען דאָך ניט געמאַכט װערן בעקעריש, נאָר סטאָלעריש!...

און די װעלט, װי זי קוקט אױס איז אַ װאונדערלעך־שטיקל אַרבעט, אַ שטיקל אַרבעט, צו װעלכן עס איז גאָר קײן גלײכן ניטאָ! און באַ־טראַכטנדיק זי, װאָס פאַר אַ מין קונסטלעך פּרעכטיק שטיקל־מלאכה דאָס איז, מוז מען קומען צום אױספיר, אַז דאָס פאַך, סטאָלערײ, איז סאַמע דאָס שכלסדיקע, סאַמע דאָס טיפזיניקסטע! קען מען דאָך דערפון דרינגען, אַז די פאַכלײט דערפון זײנען אװדאי אױך חכמים? — הױבט זיך עס ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אױס!

איבער רכילות — מיט די סטאָליערס

גראָד די סטאָליערס זײנען די אומגעהױערסטע פערד, די אומ־געלומפּערסטע בהמות...

זײ זײנען אַזױנע בהמות, נאַראָנים, הײסט עס, אַז זײ האָבן זיך מיט זײער בהמהשקײט געמאַכט אַ שם איבער דער גאָרער װעלט פאַר

גאָר קיין מענטשן ניט. איבעראַל זאָגט מען אפילו אַזאַ ווערטל: אַ סטאָליער איז ניט קיין מענטש...

וואָס הייסט נאַראָנים? אַזוינע נאַראָנים!

פריער פון אַלץ, פלעגן זיי זיך נעמען באַרעדן־דערציילן ליגנס איינס אויף ס'אַנדערע, דערביי זיך ניט שעמען צו שווערן כ'וויס ווי אַזוי, אַז אַלץ וואָס זיי זאָגן אויפן צוויטן איז אמת. (ווי געזאָגט, ווערט דאָ גערעדט, ווי ס'איז אָנגעגאַנגען ביי זיי נאָך ביים לעצטן דור) אַזוי פלעגט יעדערער פון זיי רעדן אויפן צווייטן, אַז ער איז, איינמאָל גאָר קיין סטאָליער ניט, נאָר וואָדען איז ער? — אַ שוסטער! אַ באָנדער! וואָס האָט געמיינט צו זאָגן: אַ קאַליקע, אַ פאַרטאַטש; אַז ער מאַכט אַן אַרבעט, טייג זי אויף זיבן און ניינציק כפּרות... דערביי האָט ער שוין צוגעלייגט ליגן, ווי אַזוי ער האָט אָפּגעמלאכהט פאַר איינעם טיש און בענקלעך איז, אַז יענער האָט זיך מיט זיין הויזגעזינט אויסגעזעצט אויף די בענקלעך צום וואַרמעס, זיינען זיי געוועזן אַזוי שטאַרק, אַז ווען זיי האָבן זיך אויף זיי געגעבן אַ דריי, האָבן זיי זיך מיט זיי איבער־געקערט, דערביי מיטגעשלעפּט דעם טיש, פון וועלכן עס איז אויף זיי אַראָפּגעפאַלן די שיסלען מיט דער הייסער יויך און זיי אַלעמען אָפּגע־בריט, וואו זיי האָבן זיך דערנאָך געהאַט צו בלאָזן... אַן אַנדערער, ווידער, האָט דערציילט וועגן אַ צווייטן, ווי אַזוי ער האָט אויסגעבויט אַ הויז, האָט דער באַלעבאָס פון אינעווייניק ניט געקענט עפענען די טיר; האָט ער זי גענומען שלעפּן ביי דער גאַלקע פונעם הענטל, אָבער, לאָ, מיט אַ ציבעלע — די טיר איז פאַרהאַקט! האָט ער זיך אָנגע־שפּאַרט מיט דער פוס פאַר דער שוועל און זי געגעבן ביים הענטל אַ ריס, איז אַרויס די גאַלקע און ער איז מיט איר פאַרפלויגן נאָזנדיק צו דער אַנדערער וואַנט, אין וועלכער ער האָט געגעבן אַזאַ טעלעבעץ, אַז ער איז אַרויסגעפאַלן דורך איר פון דער אַנדערער זייט... און אַ מעוברתע יידענע, וואָס האָט עס געקוקט, איז דערפון געגאַנגען צו קינד...

ווייטער, האָט איינער דערציילט פאַר אַן אַנדערן, פון אַ צווייטן, ווי אַזוי ער האָט אויסגעבויט אַ הויז פאַר איינעם, איז אין איר קיין שום זאַך געשטאַנען גלייך, אַז די טירן, די פענצטער זיינען געווען: קרום קאָסע, און קיילעכדיק... און אַז דעם דאַך האָט ער געמאַכט אַזוי שטאַרק, אַז ווען ער מיט זיין געזינדל האָבן געגעסן וועטשערע, האָט דער ווינט אים דאָן אַראָפּגעריסן מיט דער סטעליע אין איינעם; פונעם רעגן האָבן זיי געהאַט פולע שיסלען מיט יויך, און אַז די שדים האָבן שוין די נאַכט ניט געדאַרפט קריכן צו זיי דורכן קוימען...

צו באַווייזן, אַז דער אַנדערער טויג ניט, האָבן זיי, חוץ מעשיות, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען זיין פאַרטאַטשניקייט, אויך געטריבן רכילות, וועגן זייערע כאַראַקטערס; אַזוי למשל, פלעגט איינער זאָגן אויפן

צװייטן, אַז ער איז אַ ליגנער, אַ שווינדלער, אַ גנב — וואָס אין דער קאָרט! דערביי, פאַרשטייט זיך, זיך שווערנדיק כ׳ווייס ווי אַזוי, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט איז אמת... דער תכלית פאַר זיי איז געווען דער־פון: איינער, וואָס האָט געדאַרפט האָבן מעבל, אויסבויען זיך אַ הויז, האָט ער ניט געוואוסט וועמען דאָס אָוועקצוגעבן — וועמען עס פון זיי צו געטרויען. אַזוי ווי די סטאָליערס האָבן אָבער ניט געקענט לעבן אָן אַרבעט, זיינען זיי אַ סך געלאָפן צו אַזוינעם, גערעדט איבער אים כ׳ווייס ווי אַזוי, אים אַלע מאָל אַרונטערגעלאָזן פון דער פּרייז, ביז זיי האָבן שוין יעדערער געאַרבעט ווי די שדים פאַר אומזיסט, אַמאָל נאָך צו־טראָגנדיק פונעם לעצטן, וואָס זיי האָבן ניט פאַרמאָגט. נו, זיינען זיי געווען ביטערע קבצנים: — געגאַנגען מיט ווייב און קינדער באָרוועס און נאַקעט, געפּעכגיעט פאַר אַ פּאַלעניצע, — אויסגעקוקט הויט און ביין; אין אַ געזינדל זאַלבעאַכט, האָבן זיי געוואוינט אין איין אַלקער פון אַ שטוב, אַ חורבה, וואו ליז און וואַנצן זיינען זיי פאַרקראָכן און זיי געביסן און וואו חוץ הובלעווען און זעגן, האָבן זיי מיט די הענט געהאַט נאָך עפּעס וואָס צו טאָן...

פון דער ענגשאַפט, פון דער ניט ציכטעקייט זיינען זיי אַ סך געוואָרן פאַרכעוואַטע, אַז כמעט וואו אַ סטאָליער, האָט ער געהאַט אַ פּאַרך; אַ פּאַרך, איבער די אויערן... און סע האָט זיך געקלעפּט צו זיי וואו אַ חולאת: טשאַכאַטקע, טיפוס, אינפלוענציע, ניעמאָניע, דיפטעריע, קרופּ שקאַרלעטינע, יעדער מגפה האָט זיך אַריינגעקליבן צו זיי, זיי אָנגענומען פאַר די העלדזער און זיי געדישעט, אַז זיי האָבן געכאָרכלט... ביז אַ סך האָבן אויסגעכאָרכלט די נעשאָמעס... און אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, אפילו מיטוואָכס און פרייטיקס האָט מען געטאַסקעט מתות מיט סטאָליערס אויפן בית־עולם...

ביי שניידערס:

נאָך ערגער איז עס צוגעגאַנגען מיט די רכילותן ביי שניידערס; זיי האָבן זיך באַרעדט, דערציילט ליגנס איינס אויף ס׳אַנדערע, זיך שווערנדיק דערביי כ׳ווייס ווי אַזוי, אַז ס׳איז אמת, שטאַרקער ווי די סטאָליערס, איין שניידער פלעגט רעדן פונעם צווייטן ווי פון אַ בע־קער; ער פלעגט זאָגן אויף מלבושים, וואָס יענער האָט געמאַכט, אַז ער האָט זיי צונויפגעקנישעוועט — ניט אויפגעגנייט... אַזוי, למשל, האָט איינער פאַרגעבראַכט וועגן אַ צווייטן, צו באַווייזן וואָס פאַר אַ מין בעקער ער איז, הייסט עס: אַ קאַליעקע, ווי אַזוי ער האָט אויפגעגנייט מלבושים פאַר אַ חתן צו זיין חתונה, האָט זיך ביי אים פונקט אונטער דער חופה צענומען פון זיי די נעט...

איינער פלעגט זאָגן אויפן צווייטן, אַז ער איז אַ גנב, אַ ליגנער,

אַ נאוף. — אַ גנב? — האָט איינער דערציילט פאַר אַנדערע, ווי אַזוי צו דעם און דעם שניידער, האָט איינער געגעבן סחורה פאַר אויפנייען אים אַ גאַרניטער, האָט ער אַראָפּגעגנבעט דערפון פאַר אַ גאַרניטערל פאַר זיין באָכטיק; דער תכלית? יענער איז געקומען יום־טוב אין שול אַריין אין אַ גאַרניטער — אַ געלעכטער: קורץ די אַרבל, די קאַלאָש־ וועס, ענג, אַז דאָס רעקל האָט געפּלאַצט אויף אים ביים ערשטן ברוך־ אתה...

איינער האָט אָנגעוויזן אויף אַן אַנדערן, ווי אַזוי איינער האָט באַשטעלט ביי אים בגדים אויף פּסח, האָט ער זיי אים אויפגעגעבן אויף פּורים! — (?) — אויף איבער אַ יאָר פּורים...

באַזונדערס, ביי די דאַמסקע שניידער, פלעגט איינער אויף דעם אַנדערן דערציילן, אַז ער נעמט מעסטן אַ יידענע אַ קלייד, מעסט ער זי איר אַ גאַנצן טאָג... נו, זיינען זיי שוין געווען נאָך ערגערע דלפנים, — גע־ גאַנגען כסדר באָרוועס און נאַקעט, — געוואוינט אין הייזער — אין לעכער, פול מיט פליגן, — פאַרקראָכן געוואָרן פון לייז און פון וואַנצן — געווען גאָר אַ סך פאַרכעוואַטע שניידער און קרעציקע... וואו אַ חוץ די אַנדערע מגפות, האָט זיך צו זיי אַמבעסטן געקלעפּט די טשאַכאָטקע — שווינזיכט: און אַלע מאָנטיקס און דאָנערשטיקס, אויך מיטוואָכס, פרייטיקס און זונטיקס האָט מען געטאַסקעט מיטות מיט שניידערס אויפן בית־החיים...

דאָס זעלביקע — מיט די שוסטערס, נאָר זיי טראָגן מיט מטות אויפן בית הקברות איז געווען אַן איבעריקע זאַך: זיי זיינען געלעגן ניין־איילן אין דער אדמה לעבעדיקערהייט...

מיט די בעקערס:

איין בעקער פלעגט דערציילן אויף אַ צווייטן, ווי אַזוי מע האָט אין זיינס אַ לעבל־ברויט געפונען — אום ניט צו זאָגן: עפּעס ערגערס — אַ גאַנצע פאַטשיילע... אין אַ פיין־קוכן — גרילן, אין אַ פלאדן — קאַקרוטשעס... ווי אַזוי יענער בעקער — מיט אויסגעקאַטשעטע מצות, אַז ס'איז אים הייס, ווישט ער זיך אָפּ מיט זיי דעם שווייס... אַזוי האָט איינער דערציילט איבער אַ צווייטן ווי אַזוי ער מאַכט קאָר־ זשיקעס מאָענדיק: אַז ער שטעלט זיי אַרויס מיט די בעקנס אין הויף, וואו עס זשומען אַ סך פליגן, אַ סך? מיליונען־מיליאַסן! געבן זיי זיך אַ שטעל אויף די קאָרזשיקעס און איינס און צוויי — די קאָרזשי־ קעס זיינען מאָענדיק, אַ דורכאויס... (געהערט פון אַזוינס אין אַר־ געגטינע...). אָבער דאָס איז בלויז וויסטיקע רכילות. אין אַמעריקע, האָט דער מחבר אויסגעפונען. באַזונדערס אין די יוניאָן בעקערייען,

פירן זיך די בעקער עכט היגיענעש. נו, פאַרשטייט זיך, האָט מען דאָך זיי שוין אודאי געדאַרפט טראָגן אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק אויפן בית־עולם ? . . .

מירן אַצינד אַ קוק טאָן צו די פון די קונסטלערעשע באַרופן, מיט די אידעלע פראָפעסיעס. מירן צוערשט נעמען חזנים. . .

חזנים:

און חזנים זיינען אויסגעריסן געוואָרן פון אַ שווערן און ביטערן לעבן און מע האָט זיי נאָך גיכער ווי די אַנדערע געטאַסקעט מיט מטות אויפ בית־עולם.

און חזנים גראָד האָבן זיך עס אַליין דורך באַרעדן זיך און שווערן זיך דערביי ניט גורם געווען — אַנדערע האָבן זיי עס דערמיט צו־געדינט . . .

ערשטנס, פלעגן אַנדערע — כמעט אַלע אַנדערע — אויף זיי זאָגן, אַז זיי זיינען נאַראָנים . . .

סע איז שוין אומעטום ביי אַלעמען געווען ווי צו זאָגן אַזאַ ווערטל: חזנים זיינען נאַראָנים . . . דערביי פלעגן זיך אַלע אויך אומעטום דערציילן מעשהלעך, אַנעקדאָטן אויף זייער חשבון, וואָס האָבן געדאַרפט אונ־טערשטרייכן דעם אמת דערפון —

ווען אַ פלייט איז געוואָרן ווי די גוייע און די גוייע — ווי דער פלייט. . .

איין מעשהלע איז געווען איבער אַ חזן, וואָס האָט זיך אין מיטן פון דער הייליקער תפילה, וועלכע מע ברענגט אַרויס מיט די טיפסטע, מיט די פּאַרכטיקסטע געפילן, צעלאַכט . . .

די תפילה איז כל־נדרי פון ערב יום־כפור פאַרנאַכט פאַרן מעריב־דאַוונען, ווען דער מאָמענט איז אַזוי פּאַרכטיק, אַז עס ציטערט אפילו אַ פיש אין וואַסער . . . און לויט ווי אַ סך פלעגן זיך עס דערציילן, האָט דער חזן דווקא פאַרמאָגט אַ פיינע שטימע, און אַז ער האָט אַרויסגעוויקלט די ווערטער פון דער תפילה מיט די פראַכטיקע טענער, מיט וועלכע מע זינגט זי, זיינען אַלע אין דער שול געשטאַנען שאַ־שטיל, באַהערשט מיט די פּאַרכטיקסטע מיט די הייליקסטע געפילן. אָבער, ווען ער איז געקומען פון איר צום „דנדרנא״ „ודאשטבענא״, וואו ער האָט זיי אַזוי אַרויסגעזונגען: ד־נ־ד־ר־נאַאַאַ, אַ, אַ, איי, איי, איי, איי; אַ, אַ, איי, דאשט־בע־נאַ! האָט ער אויסגעשאָסן אַ געלעכטער . . .

דער עולם, אין שול איז נשתומם און מבולבל געוואָרן! ווען אַ פּאָר זיינען צוגעקומען אַ קוק טאָן וואָס איז געשען, האָט ער זיך נאָך אַלץ

געשטיקט: כי, כי, כי... וואו זיי האָבן שוין געמיינט אַז ער איז חסר־דעה געוואָרן און האָבן שוין געטראַכט אים אַראָפּצופירן פונעם עמוד. נאָר דאָ האָט ער זיך קאָנטראָלירט און אפילו מיט פאַרשטיקטע ציין געענדיקט דעם כל־נדרי, ווי אויך, דאָס ווייטערדיקע דאַווענען.

נאָכן דאַווענען אויף די שאלות צו אים פון באַלעבאַטים: וואָס איז געשען? האָט ער זיי איבערגעגעבן וואָס...

לויט ווי מע האָט זיך עס אומעטום דערציילט, איז געשען מיט אים, וואָס ער איז דעם ערב־יום־כפור בייטאָג געגאַנגען פון דער מקוה אַדורך דער גויישער גאַס, האָט ער געזען וואו אַ פליי איז אַריבער־געקראָכן איבער אַ גוייע און האָט זיך פאַרטשעפּעט אין איר מיט זיין קלייד, „איז דער פליי געוואָרן ווי די גוייע און די גוייע ווי דער פליי...‟ נו, איז עס אים אין מיטן כל־נדרי אַרויפגעקומען אויפן זינען, האָט ער אויס־געשאָסן אַ געלעכטער...

אָט־איז נאָך אַ געשיכטע וועגן דעם, אַז חזנים זיינען ניט בלויז נאַראָנים, נאָר אויך שאָלטיקעס...

איידישע, ראַטעוועט מיר!...

אַ חזן איז געקומען אין אַ שטעטל אָפּצודאַווענען אַ שבת... לויט דער געשיכטע, איז ער געווען פון די חזנים, אויף וועלכע מע זאָגט: „איי האָט ער געדאַוונט!‟

דער חזן, טאַקע ווי געהערט, האָט פאַרמאָגט זייער אַ גוטן קול, בעסער געזאָגט: צוויי גוטע קולות; איינעם אַ גראָבן, אַ גוטן און איינעם אַ דינעם, אַ גוטן, אַ באַס מיט אַ סאָפּראַנאָ, הייסט עס; ווייל סע זיינען דאָ חזנים, אפילו מיט דריי קולות, וואָס זיינען אַליין אַ גאַנצער כאָר... אָבער דער חזן, ווי שוין דערמאָנט, האָט דאָך פאַר־מאָגט צוויי, מיט וועלכע, אַז ער האָט אָפּגעדאַוונט אין שול דעם קבלת־שבת, זיינען די, וואָס האָבן אים דאָרט געהערט, אַרומגעגאַנ־גען אין אַן אַנדער וועלט... ער האָט די ווערטער און פסוקים פון די מזמורים און תפילות, פריער אַרויסגעבראַכט מיטן גראָבן קול, צום סוף האָט ער זיי אַרומגעוויקלט מיטן דינעם... מילא, האָט ער אָפּגעפּראַוועט דעם „לכו נרננו‟ מיטן „לכה־דודי־לקראת־כלה‟, איז עס שוין איינמאָל געווען אָפּגעפּראַוועט; אָבער גאָר אויסגעצייכנט האָט ער זיך ביים „כגונא דאנון מתיחדין‟ און נאָך בעסער ביים „רזאָ דשבת‟; דאָס באַסאָווע קול איז ביי אים געווען אַ הויכס און אַ פּאָר מאָל האָט ער עס אַרויסגעלאָזט מיטן גאַנצן כוח, איז ווען ער קומט ניט דערביי אַרויס גלייך מיטן דינעם, וואָלטן זיך די ווענט פון דער שול געווען צעפאַלן, דער עמוד, וואָלט געלעגן אַ צעוואָרפענער, דער בעלעמער אַ צעדרייטער; די בענק — מיטן קאָפּ אַראָפּ מיט די פיס

אַרויף... מיטן דינעם, וואָס ער האָט געזאָלט אָנמאַכן פאַר אַ חורבה פון דער שול מיטן גראָבן, איז ער דערנאָך אַרומגעגאַנגען מיט אים די ווענט, די סטעליע און אַלץ פאַרריכט און פאַרגלעט; אַזוי, אַז די שול איז געבליבן שטיין ווי זי איז געווען...

נו, זיינען אַלע, וואָס זיינען ביינעווען דעם פרייטיק צונאַכץ ביים דאַוונען, אַרומגעגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו און ביים עסן זיינען זיי געזעסן פאַרגאַפטע, וואו דער טעם פון די פיש, פון די לאָקשן מיט יויך, איז זיי שוין אפילו ניט געקראָכן אין קאָפּ...

אויף מאָרגן, שבת, האָבן זיי זיך אַלע געפעדערט אין שול אַריין הערן ווי אַזוי ער וועט אָפּפראַווען דאָס שבתדיקע דאַוונען. און ניט בלויז די דאַוונער פון דער שול, עס זיינען געקומען אַ סך פון די אַנדערע פאַר שולן פון דאָרט; ווייל די נייעס פון דעם חזן האָט זיך פאַנאַנדער־געטראָגן איבערן שטעטל אַזוי ווי אַ בליץ, און די שול איז באַלד געווען איבערגעפּאַקט! און דער עולם, בעת איינער האָט נאָך געדאַוונט דעם „פונפאָרנט“, האָט זיך געהויבן אויף די שפּיץ־פינגער אין דער לופטן, קוקנדיק צום עמוד צי שטייט ער שוין ניט דאָרטן... אָבער ער האָט זיך דאָרט ניט אַוועקגעשטעלט — דאָס דאַוונען האָט פאַרגעזעצט דער יאָריקער חזן...

פאַרוואָס איז? אפשר צוליבן מקח? ניין! נאָר דערפאַר, וואָס מע האָט אים ניט צוגעלאָזט.

פאַרוואָס, — נאָך אַמאָל?

דערפאַר, וואָס ער איז באַגאַנגען די נאַכט אַ שטאַרקן חטא, — אָפּגעטאָן אַ גרויסע עבירה!

וואָס פאַר אַן עבירה?

לויט דער געשיכטע איז ער איינגעשטאַנען ביים גבאי, ביים גביר, האָט מען אים דאָרט באַלייגט שלאָפן אין אַ צימער, וואָס איז געווען לעבן אַ צווייטן צימער, אין וועלכן ס׳איז געשלאָפן די דינסט... איז ביינאַכט, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין בעט און זיך אַרויסגע־שפּאַצירט פון זיין צימער וועגן עפּעס..., קומט ער ניט אַריין צוריק אין זעלביקן צימער און לייגט זיך ניט אַוועק אויפן אייגענעם געלעגער, נאָר ער פאַרבלאָנדזשעט אין צווייטן און הויבט אויף די קאָלדרע און לייגט זיך אַוועק אויף אַ געלעגער, אויף וועלכן עמיצער איז שוין געשלאָפן...

— אַ גוואַלד, אַ געשריי: אײרישע, ראַטעוועט מיר! האָט מען אין מיטן פון דער נאַכט דערהערט קולות פון דער דינסט, אויף וועלכע די גאַנצע בני־בית זיינען זיך צונויפגעלאָפן!...

וואָס דער תכלית איז געווען דערפון? — לויט דער געשיכטע, האָט מען אים דערפאַר, ה. ע. מער ניט צוגעלאָזט צום עמוד...

— פאַראַן נאָך געשיכטעס וועגן דעם, אַז חזנים זיינען שאַלטיקעס . .. נאָר מירן זיך דערוויַיל באַנוגענען מיט די. אָבער פאַר וואָס דערציילט מען וועגן זיי אַזוינע מעשיות, איז זיך שווער צו דערגרונטעווען; וואָרעם חזנים זיינען געוויס ניט קיין ערגערע רשעים פון אַנדערע. פאַרקערט, ס'איז דאָ צווישן זיי גאַנץ פרומע. אפילו נאָך דער געשיכטע אַליין, האָט זיך דאָך געקאָנט טרעפן מיטן חזן, וואָס ער האָט ביינאַכט מסתמא ניט געקענט שלאָפן איבער די רעיונות וועגן מאָרגנדיקן דאַווענען, איבער אַנדערע דאגות, זאָל ער זיך אַרויסשלייכן פון זיין צימער צו שטיין דאָרט אַביסל אויפן גאַניק און דערנאָך, שפּאַנענדיק צוריק, וואו ערט ניט געזען, ווייל ס'איז געווען פינצטער, זאָל ער פאַרבלאָנדזשען אין צווייטן צימער, און ער זאָל זיך דאָרט אַוועקלייגן אויף אַ געלעגער, וואו עמיצער אַנדערש איז געשלאָפן . . . אַזאַ פאַל האָט דאָך געקאָנט פאַסירן אפילו מיט אַ רב? אָבער, ווי געזאָגט, האָט מען זיך נאָר אַזוינע מעשיות דערציילט אויפן חשבון פון חזנים, צו באַווייזן, אַז זיי זיינען שאַלטיקעס . . .

ווייטער, פלעגן אויך אַנדערע אויף זיי זאָגן, אַז זיי זיינען זולל וסובאניקעס . . . אַז זיי האָבן געשמדטע העלדזער . . . דערביי זיך דערציילן ווי אַזוי דער און דער חזן ביי אַ שמחה, ביי אַ ברית, ביי אַ חתונה, מאַכט אַלע מאָל אַ „לחיים" און ער שטעקט אַריין דעם גאָפּל אין יעדן געפילטן פאַרברוינטן העלדזל און גייט דערנאָך אַרום מיט פעטע ליפּן . . . און ווי אַזוי יענער חזן, אַז ער דערשמעקט ביי אַ באַלעבאָס אַ פעטן קוגל, וועט ער גיין צו אים מיילן. און אַבי דער קוגל איז באַטעמט, וועט ער אין מיטן שבת אויסזינגען פאַר אים דעם כל־נדרי, דעם כבקרת־רועה־עדרי; און אַז טאָמער איז דער קוגל אַרויסגעקומען פאַרברענט און ביטער, וועט ער שוין זינגען פאַר אים: על־נהרות בבל, שם ישבנו גם בכינו . . . מיט איין וואָרט: מע פלעגט זיי באַרעדן, (נאָך איצט אויך) אַז זיי זיינען נאַראָנים, שאַלטיקעס, זולל וסובאניקעס . . . דער תכלית?

מע האָט אומעטום געהאַט פאַר זיי אַ קליינעם דרך־ארץ, מע האָט זיי אָפּט אויסגענוצט פאַר אַ גאָרניט, און אפילו, וואָס עס איז זיי שוין געקומען פאַרן דאַווענען, האָט מען זיי פאַרצאַפּט בלוט איידער מע האָט עס זיי באַצאָלט . . . נו, זיינען זיי דערפאַר אַזוי אויסגעריסן געוואָרן . . .

„—אקסן, — לאקסן, — נאקסן, — ראקסן, — מאקסן, — שאקסן און ציגענאקסן" . . .

מענטשן פאַרמאָגן פאַנטאַזיע. זיי קענען זיך מיט איר אויסמאָלן זאַכן, בילדער, סיטואַציעס, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען, — נישטאָ און וועלן ניט זיין . . . זיי קענען זיך מיט איר פאָרשטעלן, אַז אויפן

הימל איז אַ יאַריד... און זיי האָבן שוין געהאַט פאָרשטעלונגען, מער ווי פון איין יאַריד אויפן הימל. כאַטש, וואָס ווען עמיצער פון זיי האָט זיך געפּרוּאווט אַוועקלאָזן אויף אַזאַ יאַריד, האָט ער אויסגעפונען אַ בוידעם־מיט־אַ־לאָך, איז דאָך די פאַנטאַזיע די וואונדערלעכסטע אייגנשאַפט זיינע. די וואונדערלעכסטע? — זי איז דער סימפּטאָם פון זיין געטלעכקייט! און זי איז קאָלאָסאַל! עס איז גאָר ניטאָ קיין מאָס, גרויס געגוג, זי אָפּצומעסטן! די וועלט מיט אירע בערג און טאָלן, ימען און טייכן, מיט אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף און אין איר, איז פאַר איר אַ קליינינקייט, אַ גאָרניט, שבגאָרניט — ער קען זי מיט דער פאַנטאַזיע אַרומנעמען אין איין שמיי דריי; ער קאָן מיט דער פאַנטאַזיע אַרומנעמען די זון מיט אַלע אירע פּלאַנעטן און זייערע סאַטעליטן; דען, קען ער מיט איר: איינס און צוויי אַ שפּרונג טאָן און אַרומכאַפּן אַנדערע גרעסערע זונען מיט זייערע פּלאַנעטן און סאַטעליטן; ער קען מיט איר אַרומרינגלען דעם גאַנצן יוניווערס, אַרומוויקלען גאָר דעם קאָסט־מאָס און דאַן זיך נעמען מיט איר לייכט און פריי מאַרשירן איבער זיינע „גאַלאַקסן, נובעלאַקסן, בערענאַקסן, לייבעראַקסן, כלבימאַקסן, עקדושאַקסן און ציגענאַקסן“...

די פאַנטאַזיע איז ביי אים דער חוש, מיט וועלכן ער קען זיך באַהעפטן מיט גאָט און זיך שפּרייטן מיט אים אין דער אומענדלעכקייט פון זיין באַשאַף...

און זי ווערט ניט פון פייער באַרירט, פון וואַסער צעפירט, פון היץ ניט צעשטערט, פון קעלט ניט צעפרירט; מע קען מיט איר אַרומנעמען אַזאַ פייערדיקע קולבע ווי די זון און זיך ניט אָפּבריען; אַרונטער אין די טיפסטע וואַסערן און זיך אפילו ניט באַנעצן... ניטאָ קיין קראַפט, קיין מאַטעריאַל — ענערגיע און מאַטעריע — צו פאַרשטעלן איר אַ וועג; טויזנט־טויזנטערמאָל שנעלער ווי די ווענט פון יריחו פאַרן שאַלן פון די שופרות פון די בני־ישראל וועלן זיך פאַר איר צענעמען־צעפאַלן אויף פראַך די שטאַרקסטע פעסטונגען. די פאַנטאַזיע איז געטלעך! וואָסער כוח, וועלכע מאַכט קען פאַראינדערן איר אַ וועג?...

אָבער חוץ די אַלע אויסגערעכנטע קונצן, וואָס מע קאָן באַווייזן מיט דער פאַנטאַזיע, קען אויך יעדערער באַזונדער אויפטאָן וואונדערלעכע זאַכן פאַר זיך אַליין, זאַכן, וועלכע זאָלן אים ניט מאַכן צום שטאַרבן און צו קלאָגן, נאָר צו לעבן און צו לאַכן. ווי למשל, אַ קבצנוק, וועמען מע האָט אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה פאַר ניט האָבן צו באַצאָלן דאָס דירה־געלט, קען זיך זיצן אויף זיינע בעבעכעס אין מיטן גאַס און זיך פאָרשטעלן, אַז ער זיצט אויף אַ פיינעם געבעטן פאָטעל אין אַ הויז, וואָס איז מיט הוידלקעס און בוידלקעס (בוידלקעס־שווימינג־

באַסיינס, שפּריצערס, וכדומה) מיט דינסטן מיט משרתים און וואו שוין ניט יעדער איינער וויל אים ניט אָנקוקן אפילו פאַר רחמנות, נאָר אַלע ביי איטלעך וואָרט, וואָס ער ברענגט אַרויס, בייגן זיי זיך און בוקן זיך פאַר אים . . .

אַן אַלטער בעל־עבירהניק, שוין מיט אַ פליך ביז אין דער האַלבער פּלייצע, מיט אַ מויל, אָן ציין, וואָס קען שוין ניט בלויז ניט לייפן, שפּרינגען, און טאַנצן, נאָר אפילו, ניט גיין, קען זיך פאָרשטעלן ווי אַזוי אַ יינגע פּרוי, אַ יפת־תואר אין דער וועלט איז פאַרליבט אין אים איבער די אויערן; אַ קנעכט קען זיך מיט זיין פאַנטאַזיע אויסמאָלן, אַז ער איז אַ מלך און ער זיצט אויפן טראָן און לאָזט אַריינשמייסן אַנדערע אַזוי: כדבעי . . .

איי, וואָס מע קען זיך מיט דער פאַנטאַזיע ניט פאָרשטעלן? איי, איי, איי! מען קאָן זיך געפינען אין אַ הייסער זאַמדיקער מדבר און זיך פאָרשטעלן, אַז מע איז אין אַ גן־עדן . . .

נאָכן חומש־בראשית, איידער די וועלט און אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן איז אַדורכאויס געווען וואַסער און דער געטלעכער גייסט האָט געשוועבט איבער איר; נאָך דער וויסנשאַפט־ענערגיע און מאַטעריע, אָבער — אַ נעכטיקער טאָג, אַ מילכיקער ראָסל־פּלייש! פריער פון אַלץ, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן, רבותי, איז געווען די פאַנטאַזיע! אָן איר וואָלט קיין שום זאַך ניט געקאָנט געמאַכט ווערן . . . און נאָך עפּעס רבותי, חברים און חברטעס, איינשטיין זאָגט, אַז אַלץ איז רעלאַטיוו. וואָס דאָס מיינט, זאָל איך אַזוי וויסן פון צרות . . . אָבער וואָס איך וויים יאָ, איז, אַז אפילו איינשטיינס טעאָריע וועגן רעלאַטיוויטעט, איז אויך פון דער פאַנטאַזיע . . . פריער פון אַלץ קומט די וואונדערלעכע פאַנטאַזיע; ניט שמאַנערגיע, ניט שמאַטעריע גאָר . . .

אָבער מיט דער פאַנטאַזיע דאַרף מען גוט וויסן ווי זיך צו באַנוצן, מע דאַרף זיין מיט איר זייער פאָרזיכטיק; וואָרעם אַזוי ווי מע קען זיך מיט איר אויפהויבן נאָך העכער פון די הימלען, אַזוי קען מען מיט איר פאַרקריכן אין אַלדע שוואַרצע יאָר, אונטער די הרי־חושך, אַריינ־פאַלן דאָרטן אין גיהנום, אין דער שאול־תחתיה אַריין . . .

איך בין נאָפּאָלעאָן . . .

ווען מענס פאַנטאַזיע איז ניט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער פאַטעטי־שער געשיכטע פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט? פון דער געשיכטע, ווי אַזוי ער, אַ זון פון אפילו אַ נאָבעלער, אָבער אָרעמער קאָרסיקאַנער פאַמיליע איז אַרויפגעשטיגן צום טראָן פון קייסער, איבער אַלע קייסאָרים! ווי אַזוי ער, אַ פּראָסטער פראַנצויזישער פעלדפעבל האָט זיך אין איין שמיי־דריי פאַרוואַנדלט אין אַ גענעראַל און האָט מיט זיינע פראַנצוי־

זישע סאָלדאַטן באַװיזגט די מעכטיקסטע גרעסטע אַרמײען פון די אײראָפּײאישע הערשער און לענדער! און װי אַזױ ער איז אַראָפּגע־נידערט געװאָרן פון זײַן קײסערלעכן טראָן און װי ער איז אַזױ טראַגיש אױסגעגאַנגען אין געפאַנגענשאַפט אױפן אינדזל־ — די הײליקע העלענאַ? אַ יעדערער, װאָס האָט זי געלײענט און געהערט! אָבער פאַרכאַפּט װערן צו פאַרכאַפּט װערן איז ניט גלײך; װײל עס האָט פּאַסירט, װאו בײ אײניקע האָט די געשיכטע אַזױ צעשפּילט די פאַנטאַזיע, אַז זײ זײנען אין שײנעם פרימאָרגן אַרײנגעקומען אין זײערע שטיבער, אָנגעטאָנענע אין גענעראַלסקע קלײדער פון הױזן מיט די רױטע לאַמפּאַסן, פון אַ רעקל מיט עפּאָליעטן, מיט אַ זילבערנער שניר מיט מעדאַלן אױף דער ברוסט, מיט אַ נאַפּאָלעאָנישן הוט, אָנגעהאָנגען בײ זײערע זײטן מיט אַ שװערד און אָנגעשטאָלצװעטע גלאָזט װיסן זײערע בני־בית, אַז זײ זײנען נאַפּאָלעאָן!... דאַן, זײ באַפֿױלן, זײ אָפּצוגעבן דעם ריכטיקן רעספּעקט, זײ געהײסן אַלעמען זיך אױסשטעלן אין אַ רײ, װאו זײ האָבן זיך אַ נעם געטאָן מיט דער שװערד זײ קאָמאַנדעװען צו מאַרשירן...

נו, האָבן אַזױנע זײערע בני־בית געפאָלגט, מיט דער גרעסטער אונטערטעניקײט זײ אָפּגעבן דעם אמתדיקן רעספּעקט, װי עס פּאַסט פאַר אַ נאַפּאָלעאָן. און דאַן, האָבן זײ זיך טאַקע אונטער אַזױנעמס קאָמאַנדע גענומען מאַרשירן. און זײ האָבן מיט אים מאַרשירט און געמאַרשירט, ביז זײ האָב מיט אים אַזױ אַרײנגעמאַרשירט אין אַ משוגעים־הױז...

איך בין משיח...

עס איז געשען װאו מע האָט גראָד די קלוגע, פּיאיקע אײרישע שױן מער װי אײנמאָל פאַרטריבן פון זײער מדינה, צו זײַן אין גלות, אין לענדער צװישן פעלקער, װאָס װילן זײ ניט האָבן. װאָס הײסט זײ װילן זײ ניט האָבן? זײ טוען זײ אָן שרעקלעכע נגישות; באַלײדיקן זײ כסדר, טרײבן שלאָגן הרגענען זײ, — װילן זײ ניט לאָזן לעבן. איז דאָך זײ שלעכט! איז דאָך זײ ביטער! האָבן זײ אָבער אַ צוזאָג פון זײערע נביאים, אַז גאָט, זײער אַלמעכטיקער גאָט, װעט זיך סוף־כל־סוף אױף זײ מרחם זײַן און שיקן צו זײ משיחן, זײ אױס־צולײזן פונעם ביטערן גלות... (די אײרישע האָבן אַמאָל געהאַט נביאים — אײרישע מיט גרױס מענטשן ליבענדע נשמות, װאָס האָבן גע־פּרײדיקט פאַר זײ אַ הױכע מאָראַל. אַ מאָראַל פון יושר, פון רחמנות, פון שלום, װעלכע, װײזט אױס, פאַראױסזעענדיק, אַז זײערע אײרישע װעלן פאַר די נאָבעלע פּרינציפּן אַ סך אָפּקומען, איז װעלנדיק זײ טרײסטן, האָבן זײ פאַרגעזאָגט פאַר זײ דעם גליקלעכן סוף פון דער אױסלײזונג דורך משיחן.

וואַרטן זיי אויף אים, ער זאָל קומען זיי אויסלייזן. און זיי וואַרטן אויף אים שוין הונדערטער יאָרן. און אַזוי ווי כדי ער זאָל קומען, דאַרף אים פריער זייער אַלמעכטיקער הייסן גיין, בעטן זיי אים אַלע טאָג אין זייערע תפילות, ער זאָל אים שוין באַפעלן שטעלן צו זיי פיס.

אָבער, ווי לאַנג זיי וואַרטן און וויפיל זיי בעטן זייער גאָט, ער זאָל אים שוין הייסן נעמען צו זיי דעם וועג, האָט ער זיך אַלץ נאָך ניט באַוויזן. וואָס־זשע האָט פּאַסירט?

פאַר דער לאַנגער צייט, וואָס זיי וואַרטן אויף אים און ער קומט ניט, האָבן זיך ביי זיי אויסגעגעבן אייניקע, וועלכע זעענדיק ווי זייערע ברידער און שוועסטער ווערן געפּלאָגט אין גלות און ווי אַזוי משיח וואָס דאַרף זיי קומען אויסלייזן, איז נאָך אַלץ ניטאָ, האָבן זיי זיך מיישב געווען אין זייער פאַנטאַזיע, אַליין צו זיין די משיחים און קומען אויס־לייזן זייערע אײדישע ברידער פונעם גלות... איי, וואָס דער אַלמעכ־טיקער זייערער האָט עס זיי ניט געהייסן, זיינען זיי, די מערסטע געווען אַזוינע פרומע, אַזוינע ערלעכע, אַזוינע אײדעלע, וואָס האָבן אים תמיד געדינט בכל לב ובכל נפש, קיינמאָל ניט באַגאַנגען קעגן אים קיין שום חטא, נאָר אָפּגעהיט אַלע זיינע מצוות ביז יעדן פּינטעלע, וואו אייניקע זיצנדיק דערביי יומם ולילה על התורה ועל עבודה; אַזוי, אַז זיי האָבן יעדערער געגלויבט, אַז ניט בלויז וועט ג׳ האָבן עפּעס אויסצוזעצן קעגן זיי אַלס די משיחים, נאָר פאַרקערט — ער וועט נאָך זיין העכסט צופרידן צו האָבן זיי פאַר אַזעלכע, און, אַז ערט נאָך אַליין זיי אַנטקעגן קומען און וויזן זיי דעם ריכטיקן דרך ווי אַזוי אויסצופירן זיין משיחישע שליחות... און אַזוי גלויבנדיק, איז יעדערער פון זיי געקומען פאַר די אײדישע און זיי מבשר געווען, אַז דאָס איז ער דער משיח, און אַז ער איז זיי געקומען אויסלייזן פונעם גלות!...

אָבער דער סוף פון זיי, הפנים, ווייל ג׳ האָט זיי עס ניט באַפוילן, איז געווען אַ טראַגישער, אָפּט, אויך אַ טראַגי־קאָמישער —

אָט־זיינען געשיכטעס, וואָס האָבן פּאַסירט מיט אַזוינע, וועלכע האָבן זיך דערקלערט פאַר משיחן —

געשיכטע, נומער 1

אין אַ שטעטל פון אײדישע, פון דער מדינה, וואו מע האָט זיי באַ־האַנדלט זייער שלעכט, האָבן זיי אַלע שטאַרק געוואַרט אויף משיחן, ער זאָל זיי שוין קומען אויסלייזן; וואָס הייסט געוואַרט? זיי האָבן זיך ממש אַרויסגעקוקט די אויגן אויף אים, זיי האָבן אַלע טאָג אין זייערע תפילות מיטן גאַנצן האַרצן גאָט געבעטן, ער זאָל אים שוין הייסן נעמען צו זיי דעם וועג.

אָבער וואָס זיי האָבן אים ניט געבעטן און ניט געבעטן, אַ נעכ־טיקער טאָג, ער האָט זיך ניט באַוויזן, ער איז נישטאָ!

אָבער, ויהי היום, אין איין שיינעם פרימאָרגן פון אַ יום־טובדיקן טאָג, ווען אַלע אײרישע זיינען דאָרט געווען אין שול, קומט אַריין אַ יונגערמאַן; אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט שוואַרצע גלאַנציקע אויגן, מיט לאַנגע שוואַרצע פאות, גייט אַרויף אויפן בעלעמער, קלאַפּט אויס אַ פּאָר מאָל אין דער בימה און בפני כל עם ועדה רופט ער אויס בקול רם: רבותי, זייט וויסן, אַז איך בין משיח, אַז איך בין געקומען אַצינד אייך אויסצולייזן פונעם ביטערן גלות!...

אַלעמען איז דאָרט אַדורכגעלאָפן אַ ציטער, — זיינען נשתומם געוואָרן, עפּעס אַ קליינינקייט. משיח איז דאָך געקומען!?...

זיי האָבן אָבער אַלע געוואוסט, אַז משיח וועט קומען, וועט ער דאַרפן באַווייזן מופתים, ווי מאָזעס מק׳הלוי האָט באַוויזן, ווען ער איז געקומען אויסלייזן זייערע אײרישע אָבות פונעם ערשטן גלות; ווייל דער איצטיקער גלות איז ביי זיי דאָך נאָר דער לענגסטער, אָבער ניט דער ערשטער. און, אַז דער מאָ, האָבן זיי געוואוסט, בכדי זייערע אָבות זאָלן אים גלויבן, אַז גאָט האָט אים צו זיי געשיקט, האָט ער זיי באַוויזן מופתים. וואָס פאַראַ מופתים? ער האָט פאַר זיי אַ וואָרף געטאָן דעם שטעקן, איז ער געוואָרן אַ שלאַנג; ער האָט אים אָנגענומען פאַרן עק איז ער צוריק געוואָרן דער שטעקן!... ערט אַריינגעשטעקט די האַנט אין זיין שויס און האָט זי אַרויסגענומען קרעציק, אַזש וויים ווי שניי; ער האָט זי אַריינגערוקט אין זיין שויס נאָך אַמאָל און זי אַרויסגעצויגן געזונט און ריין ווי פריער! ער האָט אָנגעשעפּט וואַסער פונעם טייך און האָט זי פאַר זיי אויסגעגאָסן, איז זי געוואָרן צו בלוט!... היינט, וואָס פאַראַ מופתים האָט ער באַוויזן פאַר זייערע באַדריקער, זיי זאָלן זיי אַרויסלאָזן פונעם גלות? ווי אַזוי ער האָט זיי געשלאָגן מיט די צען מכות? ווי אַזוי ביים אַרויספירן די אײרישע פונעם גלות, האָט ער פאַר זיי געשפּאָלטן דעם ים, וואו זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען אין דער טריקעניש און זייערע פאַרפאָלגער זיינען דערטרונקען געוואָרן? און פון די איבעריקע מופתים, וואָס ער האָט באַוויזן ביים אַרויספירן זיי פונעם גלות האָבן זיי דען ניט געוויסט?

(ביים היינטיקן גלות, אַז משיח וועט קומען, וועט ער דאַרפן באַוויזן אַ סך אַ סך גרעסערע מופתים! דעמאָלט זיינען די אײרישע אַלע געווען אויף איין אָרט, איצט זיינען זיי צעשפּרייט איבער אַ סך, וואו נאָר דאָס צונויפרעדן זיך מיט זיי איז שוין אַ גרויסער מופת. און וואָסערע וואונדער ערט דאַרפן באַווייזן, צו צווינגען אַזויפיל פרעהס זיי זאָלן אַרויסלאָזן די אײרישע פון זייערע גלותים? ווען, למשל, ער זאָל זיך באַנוצן מיט די צען מכות? מילא, מיט דער ערשטער מכה, וועט אים ניט זיין שווער; וואָרעם, די היינטיקע פרעהס האָבן שוין פאַרגאָסן אַזויפיל בלוט, אַז עס וועט קלעקן צו מאַכן בלוטיק־רויט צוויימאָל אַזויפיל

וואַסערן, ווי ס׳איז דאָ. אָבער, וואָס וועט ער טאָן מיט דער צווייטער מכה, מיט דער מכה פון די זשאַבעס? וואו וועט ער נעמען אַזויפיל זשאַבעס צו פאַרשפּרייגען אַלע שונאים פון די אידישע? און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער דריטער מכה? בערג, גאַנצע בערג כנים וועט ער דאָך דאַרפן האָבן צו פאַרקריכן אַלע זייערע באַדריקער!... אַזוי ווייטער מיט די איבעריקע מכות? און וואָס וועט געשען, ווען היינטיקע הער־שער וועלן זיי שוין אַרויסלאָזן?

דעמאָלט האָט ער געדאַרפט שפּאַלטן פאַר זיי נאָר איין ים, וואָס איז געווען ניט דער גרעסטער, ניט דער ברייטסטער, וואָס איז אויך געווען איינער פון די גרעסטע מופתים? אָבער ווי גרויס וועט שוין דאַרפן זיין דער מופת, ווען ער וועט האָבן צו שפּאַלטן אַזויפיל ברייטע און אַזוינע טיפע ימען? יאָ, דער איצטיקער משיח וועט דאַרפן באַווייזן די אמתדיקע מופתים!...)

אָבער, וועגן וואָס פאַר אַ סאָרטן מופתים דער היינטיקער משיח וועט דאַרפן באַווייזן, האָבן זיך די דאָרטיקע אידישע ניט געדאַגהט, זיי האָבן נאָר געוואוסט, אַז מופתים דאַרף ער באַווייזן... און נאָך עטלעכע מינוטן פון זיין שאַ־שטיל פון דער איבערראַשונג, האָבן זיך אַ פּאָר גרויסע און געזונטע אידישע אָנגענומען מיט מוט און זיך צו אים אַרויסגערוקט און האָבן אים וועגן דעם, אַז ער באַדאַרף זיי באַווייזן מופתים געלאָזט וויסן...

הייסט ער זיי אַלעמען מיט די ווייבער און קינדער מיט די זיידעס און באָבעס אַרויסקומען צו אים מאָרגן, חול־המועד, וועט ער זיי באַ־ווייזן, זאָגט ער אַ מופת! נעמלעך. ער דערקלערט זיי, אַז ער וועט פאַר זיי שפּאַלטן דאָרטן דעם טייך און זיי אַריבערפירן אין דער טרי־קעניש!...

נו, (לויט געהערט די מעשה) זיינען זיי אַלע צו אים אַרויסגע־קומען און ער האָט זיי טאַקע צוגעפירט צום טייך, צו דעם טיפסטן אָרט; און ער אַליין האָט צוגעשפּאַנט צום סאַמע ראַנד פונעם ברעג און האָט אויפגעהויבן די אויגן מיט די הענט צום הימל, — געזאָגט עפּעס אַ תפילה, אַרויסגעבראַכט עפּעס ניט קיין פאַרשטענדלעכע ווערטער און האָט מיט אַ מאָל געגעבן אַ שטעל אַ פוס אויף דער וואַסער!

די אַנדערע איז אים שוין אַליין נאָכגעקומען... און אַ פּאָר פון די, וועלכע ער האָט געזאָלט אַריבערפירן דעם טייך אין דער טריקעניש, האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פונעם טייך כמעט אַ דערטרונקענעם...

וואָס איז דאָ מיט אים געשען? עס איז מיט אים געשען, וואָס ער איז געווען איינער פון די וואָס האָבן זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו זיין דער משיח. אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער למדן האָט ער זיך אַריינגעגעבן צוליב דעם צוועק אין דער קבלה, אַ פאַרבאָרגענע תורה, ווי אַזוי

צונויפצורעדן זיך מיט די מלאכים און מיט זייער הילף באַווײַזן מופתים... מע דאַרף אָבער זיך זייער אָפּגעהיט ביים באַנוצן זיך מיט דער תורה; מע דאַרף פאַסטן, פּייניקן דעם גוף, פאַרברייינגען אין תשבוה טאָן, אין תפילות; זיך הייליקן נאָך אַ געוויסן שטייגער מיט יעדן פינטעלע. טאָמער פאַרפעלט מען מיט עפּעס אויף אַ האָרעלע, קען מען ביים אויסרופן דעם נאָמען פון אַ מלאך, געהרגעט ווערן...

דער. לויט געהערט, האָט די נאַכט פאַרבראַכט אַדורכאויס אין שול, געזאָגט און געשעפּטשעט אויסגערופן פאַרבאָרגענע נעמען פון מלאכים; אָבער, ווייזט אויס, ערט פאַרפעלט עפּעס אַ האָרעלע ביים צוגרייטן זיך דערצו, איז ער דערפאַר שיעור ניט דערטרונקען געוואָרן...

געשיכטע, נומער 2

משיח איז געקומען, איז ער!

דאָס איז געשען מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק, ווען די איירישע זיינען באַהערשט געוואָרן פון די קאַ־טעס...*)

די קאַ־טעס האָבן ביי יענער צייט געהאַלטן אין איין איינגעמען לענדער און פאַריאָכן זייערע פעלקער. זייערע אַרמייען זיינען געווען ניט צו באַזיגן. זייערע זעלנער זיינען געווען ערגער,ליידער, אויך געשיקטער פון די ווילדע בעסטיעס; זיי האָבן אויסגעטויט מאַסן איירישע, פאַרגוואַלדיקט זייערע פרויען און טעכטער. די קאַ־טעס זיינען געווען שכבי־זכר, פלעגן זיי כאַפּן יונגע איירישע בחורים און באַגיין איבער זיי שענדלעכע גרויליקע טאַטן...

די קאַ־טעס זיינען באַגאַנגען שרעקלעכע אכזריותן: זייערע הערשער פלעגן פאַראַנשטאַלטן פאַר זייערע פאָלקס מאַסן שווידערלעכע בלוטיקע ספּעקטאַקלען, אויף וועלכע מע פלעגט וואַרפן אומגליקלעכע געפאַנגענע מענטשן פון באַזיגטע פעלקער צו ווילדע חיות: לייבן, טיגערן און זייערע פאָלקס־מאַסן, קוקנדיק ווי די ווילדע בעסטיעס צערייסן און פרעסן אויף לעבעדיקע מענטשן, — פלעגן אַריינגעבראַכט ווערן אין אַ ווילדן עקסטאַז און געניסן דערפון אַ גוואַלטיקן פאַרגעניגן...

פאַר אַ שטראָף, פלעגן זיי דעם באַשולדיקטן מענטשן אויסשפּרייטן אויף אַ הילצערנעם ציילעם, אים צוקלאַפּן לעבעדיקערהייט מיט צוועקעס ביי די הענט און ביי די פיס צו דעם צלם, אים אויפשטעלן און מיט פּיקעס, מיט אייזערנע האַטשיקעס מיט שאַרפע שפּיצן רייסן פון אים

*) לויט די פאַרשיידענע קוואַלן...

פאַסן... אים לאָזן אַזוי הענגען אויפן צײלעם, ביז ער איז אויסגעגאַנגען אין די גרויליקע יסורים...

די אײרישע האָבן זיך געװערט קעגן זײ. עס איז אָבער געװען אַ װערן זיך פון אַ פרידלעך טײבעלע קעגן אַ בלוטדאָרשטיקן אָדלער, פון אַ שעפּסעלע קעגן אַ גרויזאַמן װאָלף; דער אָדלער האָט צעריסן און אײנגעשלונגען דאָס טײבעלע; דער װאָלף האָט צעביסן און אויפגעפרעסן דאָס שעפּסעלע! די קאַ־טעס האָבן געטויט אײרישע אויף שריט און טריט און פּלעגן באַגײן איבער זײ אַזעלכע מעשים תעתועים, אַז דאָס לעבן פון אַן אײרישן האָט דעמאָלט ניט די װערט געהאַט קײן לושפּײקע פון אַן אײ. און דאַן? — דאַן האָבן די אײרישע געלערנט, אַז נאָר אײן גאָט קען זײ העלפן מיט שיקן צו זײ אַ משיח, װעלכער זאָל זײ װי דער פריער־דיקער, אַמאָל, מציל זײן פון די לאַפּעס פון די אכזריותדיקע קאַ־טעס.

לויט די הבטחות, װאָס זײ האָבן געקראָגן פון זײערע נביאים, לויט דער שרעקלעכער לאַגע, אין װעלכער זײ האָבן זיך דאַן געפונען האָבן זײ אַ סך געגלויבט, אַז ס׳איז שוין דער העכסטער מאָמענט, װאו אָט־אָט װעט ער זיך באַװײזן. און אַזוי גלויבנדיק, האָבן זײ, װי מע זאָגט, אַרויסגעקוקט אויף אים אויף אַלע װעגן און שטעגן.

אָבער, לא מיט אַ ציבעלע, ער באַװײזט זיך ניט, ער איז נישטאָ! ער איז נישטאָ? — ער איז דאָ! און ער איז געקומען צורײטן: „עני רוכב על חמור!" אַזוי װי אין פּסוק שטײט... טאַקע אַזוי װי די נביאים האָבן זײ מבטיח געװען... און װי אַ סך, אַ סך װילן עס האָבן, האָט אפילו באַװיזן מופתים!... אָבער יאָ מופתים, ניט מופתים, האָט ער באַװיזן אַרויסצוראַטעװען די אײרישע פון די מערדערלעכע לאַפּעס פון די גרויליקע קאַ־טעס? װאָס, װי דער מושיאך, װאָלט ער עס צום אַלעם ערשטן געדאַרפט באַװײזן?

אַ נעכטיקער אײער נעכטן!

ניט האָט ער געשפּאָלטן פאַר זײ אַ ים — אפילו ניט קײן ריטשקעלע; ניט געגעבן זײ פון שטײנער קײן װאַסער; ניט געמאַכט פאַר זײ פאַלן מן פונעם הימל; נאָר מיט זײן דערשײנען האָט ער זײ גורם געװען צו דעם לאַנגן, ביטערן גלות, אין װעלכן זײ קריגן אַרײן אײנס נאָך ס׳אַנדערע װיסטע און פינצטערע מפּלות...

װעגן זײן אָפּשטאַמונג, זײנען פאַראַן װערסיעס. אָבער װיכטיק איז, װאָס ער האָט אויפגעטאָן! ערט געפּרײדיקט די נאַאיװע, פאַר די אײרישע, שוין ניט קײן נײע תורה, לויט װעלכער זײ האָבן, הײסט עס, געקענט ניצול װערן פון מערדערשע קאַ־טעס. נעמלעך, ער האָט געדרשנט, צי פון אַ באַרג, צי פון אַ בערגעלע... די תורה, אַז װען אַ װאָלף װיל פאַרציקן אַ שעפּעלע, זאָל עס זיך ניט װערן קעגן אים, אפילו ניט

פּרובירן אַנטלויפן, נאָר סע זאָל אים אַריינשטעקן דאָס קעפּל גלייך אין מויל אַריין, וואָס־זשע וועט זיין? וועט ער עס ניט אָפּבייסן, ניט אַראָפּשלינגען, נאָר ער וועט עס נעמען מיט צערטלעכקייט אָפּפירן צוריק אין דער טשערעדע אַריין... וואָס האָט אייגנטלעך געמיינט, אַז ווען אַ קאַ־טעשער סאָלדאַט וועלכער איז געלערנט געוואָרן צו זיין נאָך ערגער פון אַ וואָלף, וועט דערלאַנגען אַן אירישן אַ פּליאַסק אין באַק, זאָל ער ניט אָפּענטפערן מיט איינעם אויף צוריק, אויך ניט מאַכן פון אים פּיס, נאָר ער זאָל אים אונטערשטעלן די צווייטע באַק... וואָס־זשע וועט זיין, וועט ער זיך פאַרשעמען און וועט אים אין איר ניט אַראָפּלאָזן קיין טראַסק, נאָר ער וועט זי אים אָפּבלאָזן, צערטלען און גלעטן... און ווערן אים דער בעסטער גוטער פריינד, דער איבערגעגעבנסטער חבר...

פון די מחנות פאַרצווייפלטע אירישע האָבן אייניקע טאַקע ניט איינמאָל אונטערגעשטעלט אַ קאַ־טע די צווייטע באַק, ווען ער האָט זיי אַריינגעפּראַסקעט אין איינער, נו, האָט ער אַזוינעם די צווייטע באַק אָפּגעבלאָזן, געצערטלט און געגלעט? ניין! — ער האָט אים אַריינגעטראַסקעט אַ פּליאַסק, אַז אויב ער האָט אים ניט אינגאַנצן אַוועקגעמיטט, האָט דער דערנאָך געהאַט אַרומצוגיין ביידע באַקן פאַרבונדן מיט אַ פאַטשיילע (מיט וואָדען?...) אַ צייט, אַ צייט... דאַן, האָבן די קאַ־טעס, זעענדיק אים נאָכפאָלגן מחנות אירישע, אים אָנגענומען פאַר אַ רעבל, פאַר אַזוינעם, וואָס זוכט אויפצוהייבן צום קאַמף קעגן זיי, די צום טויט געדריקטע אירישע און ווען די דעמאָלדיקע אירישע פּריסטער, ווייל זיי האָבן אויך געזען אין אים אַזוינעם, אים צו זיי אַרויסגעגעבן, האָבן די אים, ווי זייערער אכזריותדיקער שטייגער איז געווען, צוגעקלאַפּט מיט צוועקעס ביי די הענט און ביי די פּיס צו אַ הילצערנעם צלם — אים אויפגעשטעלט און מיט פּיקעס, מיט אייזערנע שאַרפע האַטשיקעס געריסן פון אים, נעבעך, פּאַסן...

דערמיט האָט זיך עס ניט געענדיקט; אַ צאָל האָבן נאָך אים פאַרגעזעצט דאָס פּריידיקן די דעפּיטיסטעשע תורה פון אונטערשטעלן די צווייטע באַק מיט נאָך אַזוינע נאַאיווע אוממעגלעכע חכמות. אים אַליין האָבן זיי שוין פאַרגעשטעלט ניט בלויז פאַר משיחן — פאַר אַ גאַנצן גמל", דערביי פאַרשפּרעכנדיק אַ יעדן, וואָס נעמט אין דעם גלויבן, אַ יענע וועלט מיט אַ גן־עדן...

און עס איז געשען, וואו דער גלויבן אין אים אין דער דעפּיטיסטישער תורה האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די געדריקטע פעלקער. און פון דאַן אָן, ביז היינט צוטאָג, קען מען זען פון די אַלע, וואָס האָבן אָנגענומען דעם נייעם גלויבן, ווי אַזוי, ווען עמיצער דערלאַנגט זיי אַ פּאַטש אין איין באַק, שטעלן זיי אים גלייך אונטער די צווייטע. (אַ יאָ, אַ?...) דערפאַר צו די אירישע, ווי שוין דערוויזן, איז גאָר ניט

געװוען קײן משיח; (וואָס פאַראַ מושיאך האָט ער זײ געקענט זײן? ער האָט זײ דען אויסגעלײזט?!) טראַסקען זײ, פליאַסקען, פליקן און פלעמען זײ אַרײן כסדר אין בײדע באַקן, אַז סע גײט אַזש אַ רויך...

משיח מיט די גלעזערנע אויגן...

אָט־איז אַ געשיכטע פון אַ משיח, וואָס האָט געקענט פאַרלויפן אין אַ שטעטל פון אײרישע, וואו זײ האָבן שטאַרק געוואַרט אויף אים, ער זאָל שוין קומען זײ אויסלײזן...

דער, לויט געהערט האָט אויך אויסגעקוקט ווי דער ערשטער און איז אויך אין אַ פײנעם פרימאָרגן פון אַ יום־טובדיקן טאָג, ווען אַלע זײנען דאָרט געווען אין שול, אַרײנגעקומען אין איר און האָט פונעם בעלעמער זײ מבשר געווען, אַז ער, ער איז משיח, אַז ער איז זײ געקומען אויסלײזן... נו, נאָך עטלעכע מינוט פון דער איבער־ראַשונג, האָבן דאָרט אויך אַ פּאָר געזונטע און יוסטע אײרישע זיך אָנגענומען מיט מוט און מיט כוח און אים געלאָזט וויסן, אַז אויב ער איז מושיאך, זאָל ער זײ באַווײזן אַ מופת! און ער האָט זײ גלײך גע־ענטפערט: יאָ, רבותי, איך וועל אײך באַווײזן אַ מופת! און באַווײזן האָט ער זײ אַ מופת, וואָס זינט מופתים האָבן זיך געמופתט, איז נאָך אַזאַ מופת ניט באַווײזן געוואָרן.

נעמלעך, ערט גענומען אַ פאַטשײלע, זי אויסגעשפּרײט אויף דער בימה פונעם בעלעמער און זאָגט אַזוי ווידער צו אַלעמען: רבותי, ווער פון אײך האָט דאָ בײ זיך עפּעס מעות זאָל צוקומען אַהערצו און אַרויפ־לײגן עס אויף דער פאַטשײלע און איך וועל עס אײנבינדן און אַרײנרוקן אין דער בימה, און מאָרגן זאָל ער קומען, און אַז ער, דער משיח, וועט אַרויסנעמען די פאַטשײלע צוריק פון דער בימה, איז ווער סע האָט אַרײנגעלײגט אַ „קאָפּעקע״, וועט געפינען אַ „פירער״; ווער אַ „דרײער״ — אַ „זעקסער״; ווער — אַ „צענער״ — אַ „גריוניע״; ווער — אַ „פערטעלע — אַ חצי ר״ך; ווער — אַ „פינפערל״ — אַ צענערל״; ווער — אַ פינף און צוואַנציקער״ — אַ „פופציקער; ווער — דרײ פינף און צוואַנציקערס — ק״ן קערבלעך און אַזוי װײטער. דערבײ לאָזט ער זײ וויסן, אַז ווער עס האָט ניט בײ זיך, זאָל ער לויפן אַהײם, צונויפנעמען אַלע זײנע מזומנים און ברענגען און אַז ער וועט וואַרטן...

די אײרישע פון דאָרטן זײנען געוועזן פון די גרעסטע דלפנים; — דערהערט פון אַזאַ מופת, האָט זיך בײ איטלעכן פון זײ אַזש אַ דרײ געטאָן דער מוח און זײנען יעדערער געלאָפן — הענדום פענדום צו זײערע שטיבער און האָבן ראַפּטאָם כאַפּטאָם צונויפגעשאַרט וואו אַ פּרוטה, און וואו נאָר אײנער האָט געקענט דערטאַפּן בײ אַ צווײטן אַ גמילות־חסד, האָט ער, ווײסנדיק, אַז ער וועט מאָרגן קריגן פאַר אים צווײ מאָל אַזוי

פיל, אים דערטאַפּט; דזשאָ, אָדער דזשאָזעף מק׳לאָקש, דער וואַסער־טרעגער, וועלכער האָט גאָר ניט פאַרמאָגט, האָט זיך אײנגעבעטן כ׳ווײס ווי אַזוי בײַ ען־עניע־מק׳קלײן, די בעקערן, זי זאָל אים כאָטש לײַען אַ „דרײַער״, פאַרזיכערנדיק איר מיט כל השבועות, אַז מאָרגן וועט ער איר צוריקגעבן אַ „פירער״, וואו עס וועט אים אַלײן דערפאַר אויך בלײַבן אַ קאָפּיקע!...

בקיצור, דער משיח האָט געמאַכט פון אַלעמענס געלטער מיט דער פאַטשײלע אַ באַנדל און האָט עס אַרײַנגעלײגט אין דער בימה...

די נאַכט זײַנען דאָרט די אײרישע קײן אײנער ניט געשלאָפן. מײַקל מק׳קאַלקער, דער מלמד, פון די דרײַ פינף און צוואַנציקערס, וואָס ערט צונויפגעשפּאָרט פאַר זײַן פעגין און פאַר זײַן מערין*) זײַנע צווײ מײדלעך, פאַר נדן, איז אַצינד, טראַכטנדיק ווי אַזוי ער וועט איצט אַרײַנקריגן פאַר זײ ק״ן קערבלעך, אַזש אַרומגעגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו... אפילו דזשאָזעף מק׳לאָקש, דער וואַסער־טרעגער, וויסנדיק ווי אַזוי ער קריגט איצט אַרײַן פאַר אַ „דרײַער״ אַ „זעקסער״, האָט זיך אַזש אײניקע מאָל געריבן די הענט...

מאָרגן זײַנען אַלע געקומען אין שול אַרײַן, פאַרשטײט זיך, און דער משיח?... נו, מיר זאָגן: אויך!... ער איז געשטאַנען אויפן בעלעמערמיט אַ צופרידענעם שמײכל!...

ווי אַזוי זײ האָבן שוין אַלע געדאַוונט? — זײ האָבן אַלע מאָל געקוקט גיריק אויפן בעלעמער... נו, נאָך אַמאָל? — דערלעבט! — ער נעמט אַרויס פון דער בימה די פאַטשײלע, דעם באַנדל, בינדט עס פאַנאַנדער! אַלעמענס אויגן זײַנען אויף דעם אָנגעשפּיצט! און ער?... ער צײלט אַרײַן יעדן אײנעם צווײמאָל אַזויפיל, וויפיל ער האָט אַרײַנגעלײגט!...

נאָר אײן זאַך האָט דערבײַ געפעלט, — עס זאָל געווען זײַן אמת... ווײַל עס האָט פּאַסירט, ווען ער האָט אַרויסגענומען דעם באַנדל פון דער בימה און האָט עס פאַרנאַנדערגעבונדן איז ער געבליבן שטײן מיט פאַרגלײזטע אויגן!...

— די הענג לײַכטער, די קוואָרט פונם וואַשן זיך די הענט בײַם אַרײַנגאַנג, דאָס חנוכה־לעמפּל, אָבער פונעם מעות? — קײן סימן ניט!...

— געוואַלדן, געשרײען! אַ פאָר האָבן אים, אַזוי ווי ער איז געשטאַנען מיט פאַרגלײזטע אויגן אָנגענומען פאַר די לאַצן, אים געטרײסלט און געשריגן: דו משיח מיט די גלעזערנע אויגן, וואו האָסטו

*) — פײגען און מאַרימען . . .

אַהינגעטאָן דאָס געלט?! אָבער ער האָט עס ניט צוגענומען, ער איז ניט געווען קיין גנב, קיין שווינדלער, נאָר אַ גרויסער למדן, אַ בעל־מקובל, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אין זיין פאַנטאַזיע צו זיין דער משיח.

אַ צייט האָט ער זיך געגרייט מיטן פאַסטן, מיט פייניקן זיך דעם גוף. די נאַכט האָט ער אַדורכאויס פאַרבראַכט אין שול אין תפילות און אויסרופן שימות פון מלאכים, זאָלן קומען אים העלפן באַוויזן דעם מופת. ביי אַזייגער פיר פאַרטאָג, ווען ער האָט אויסגערופן אַ שם פון אַ מלאך, האָט זיך געעפנט אַ פענצטער און ערט געזען אַריינרוקן זיך איינעם אַ מלאך, און ווי ער איז צו צו דער בימה אויפן בעלעמער און האָט זיך עפּעס געפּאָרעט און געפּאָרעט דאָרטן...

אָבער עס איז ניט געווען קיין מלאך, נאָר הערי (הערשעלע) מק׳קניש... דער גנב, דער מאַראָוויכער!... ער איז עס אַריין דורכן פענצטער און האָט זיך געפּאָרעט ביי דער בימה... און אים, דעם משיח, האָבן זיי דערוויל מיט די קלעפּ, וואָס זיי האָבן אים ניט גע־קאַרגט, געמאַכט פאַר טשוטשעלע...

אַזוי איז צו זען, אַז פּונקט ווי מע קען זיך מיט דער פאַנטאַזיע אויפהויבן צו די הימלען, זיך באַהעפטס מיט גאָט און זיך שפּרייטן מיט אים אין דער אנענדלעכקייט פון זיין באַשאַף, אַזוי קען מען מיט איר פאַרקריכן אויף קרומע שלעכטע וועגן, אויף וועלכע מע זאָל אַליין געניזיקט ווערן און גורם־היזק זיין אַ סך אַנדערע...

טשיקאַווע מעשיות;

פאַראַן אָבער אַ סאָרט פאַרשוינגען, וועלכע ווייסן ווי אַרומצוגיין מיט דער פאַנטאַזיע און באַשאַפן מיט איר די אוממעגלעכסטע זאַכן און סיטואַציעס. זיי קענען באַווייזן מיט איר די שטאַרקסטע מופתים די גרעסטע נסים — נסים ונפלאות! זיי האָבן שוין מיט איר געשפּאָלטן ימען, צעריסן די גרעסטע בערג, פון שקלאַפן געמאַכט קייסאָרים, פון דלפנים — גבירים, פון נאַראָנים — חכמים, פון אַלטע איירישיכעס — יונגע יפת־תוארס, פאַר וועלכע פּרינצן, גראַפן, קייסאָרים האָבן זיך געקניט, האָבן אַוועקגעגעבן ס׳לעבן פאַר איין קוש אויף איר האַנט...

זיי האָבן שוין געמאַכט בהמות פליען איבער דעכער, גרילן — שפּילן און וואַנצן — טאַנצן; זיי קאָנען מיט דער פאַנטאַזיע באַשאַפן גאַנצע וועלטן און זיי חרוב ונחרב מאַכן...

אָט־דער סאָרט פאַרשוינען זיינען עס ניט קיין אַנדערע ווי די שרייבער, די מחברים פון די ביכער... אין זייערע ביכער, אויב מע לייענט זיי, דערוויסט מען זיך פון פאַסירונגען, פון סיטואַציעס, פון וועלכע מע האָט גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט... מע דערלערנט זיך פון געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעגאַנגען מיט טויזנטער יאָרן צוריק און

וואָס וועלן פאַרקומען מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער... און אפילו וואָס וועט זיין באחרית הימים...

פאַראַן פון זיי ביכער מיט גרויסע חכמות מיט זייער נוצלעכע אינפאָרמאַציע פון דער וועלט און פונעם לעבן. אָט־די ביכער זיינען זייער וויכטיק פאַר די מענטשן, זיי אַנטוויקלען ביי זיי דעם שכל, מאַכן זיי באַוואוסט ווי שענער און ווי בעסער אויפצופירן זיך. אָן זיי וואָלטן אַלע געווען אַזוי ווי די בהמות — גרויסע נאַראָנים און באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע פון די לעצטע צוויי זין פון דער הגדה של פסח... דאָס קען מען זען פון די, וואָס ווייסן ניט פון קיין ביכער, אַז זיי זיינען מען, און שאינו־יודעים לשאול. אָבער די, וואָס געהערן צו דעם קלאַס פון דעם ערשטן זון פון דער הגדה, געהערן עס אַ דאַנק די ביכער; אַ דאַנק די ביכער זיינען זיי געוואָרן קליגער, באַוואוסטזיניקער־חכמים נבנים. און פירן זיך אויף פיינער און איידעלער. וואָס מער ביכער אַ גרופּע, אַ פאָלק פאַרמאָגט, אַלץ קליגער און ציוויליזירטער איז עס.

סע זיינען דאָ ביכער פון שרייבער, וואָס ברענגען צו אַ סך גרויס פאַרגעניגן. פאַראַן מיט באַשרייבונגען און ראָמאַנען, וואו די מחברים מיט זייער פאַנטאַזיע מאָלן אויף אַ העכסט שפּאַנענדן אופן בילדער און סיטואַציעס פון ליבע, פון ליידנשאַפט, זאַכן, אין וועלכע אַ סך זיינען פאַרקאַכט, לייענען זיי די געשיכטעס מיט צעשפּרייטע אויגן, מיט אָפענע מיילער, שלינגען פון זיי ממש יעדער וואָרט און האָבן פון זיי גרויס הנאה... מיט באַשרייבונגען פון פאַרשיידענע אַוואַנטורעס, ביכער מיט לידער, מיט דערציילונגען, מיט טעאַטער פאָרשטעלונגען פון פאַרשיידענע אינהאַלטן: פון טראַגישע, פון הומאָריסטישע, סאַטירישע און קאָמישע. דען קומען זיי רעאַליסטישע, שונדישע, אפילו פון אַ טשיקאַוון אינהאַלט.

ווי למשל, אָט־איז אַ געשיכטע ווי אַזוי אַ בהמה איז געפלויגן איבער אַ דאַך, האָט זי מיטן ווידל פאַרטשעפּעט דעם קוימען פון דעם אויוון, וואָס איז געווען מיט אַ פריפּעטשיק און אים מיטגעצויגן; און אַזוי ווי ס׳איז געשטאַנען ביים פריפּעטשיק די רעביצן און האָט געקאָכט וועטשערע, איז זעענדיק ווי דער אויוון הויבט זיך אין דער לופטן, האָט זי אים געוואָלט אָפּהאַלטן, האָט ער איר מיטגעצויגן, בקיצור, סע איז שוין אַזוי אַרום געפלויגן אַ בהמה איבערן דאַך, — מיטגעשלעפּט מיטן עק ביים קוימען דעם אויוון מיטן פריפּעטשיק, ביי וועלכן די רעביצן איז נאָכגעקומען אַזוי ווי אַן עק. און אַזוי ווי אויפן פריפּעטשיק האָט געברענט אַ פייער וואָס האָט געקאָכט דאָס טעפּל מיט דער וועטשערע, איז פונעם קוימען געגאַנגען אַ רויך. הכלל, האָבן זיי שוין אַלע, די בהמה מיטן אויוון מיט דער רעביצן געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס אַן אויסטערלישן מאָנסטער־פויגל...

אָדער, אָט־איז אַ באַשרייבונג פון אַ חתונה, אויף וועלכער עס זיינען געקומען גרילן שפּילן און וואַנצן טאַנצן;

די חתונה איז פאָרגעקומען צווישן אַ קאָטער מיט אַ קאַץ אין אַמעריקע, גופא. וואו דער רעוורענד, דער מסדר קידושין איז געווען אַ כלב... איז ווען זיי זיינען ביידע געשטאַנען פאַר אים, האָט ער, דער רעוורענד, דער מסדר קידושין, דער כלב, וואָס איז געווען דער אמת־דיקער כלב, אָפּגעהאַוקעט ווי די מאָדע איז אין אַמעריקע, צום חתן, צום קאָטער, וואָס איז געווען דער ריכטיקער קאָטער... צי ער דער מיסטער קאָטער, וואָס ער איז, נעמט דער מיס קאַץ פאַר זיין באַליבט ווייב? אויף וואָס ער האָט געענטפערט: מיאהו!... און דען, ווען ער האָט אַזוי אַ האַוקע געטאָן אויף דער קאַץ אויפן אַמעריקאַנער שטייגער, צו זי, די מיס קאַץ נעמט דעם מיסטער קאָטער צו זיין איר באַליבטער מאַן, אויף וואָס זי האָט געענטפערט: מניאהו! מניאהו!, האָט ער זיך ערשט צעבילט און צעוואויעט... און ווען ער האָט זיך שוין איינגעשטילט, האָבן דאַן די גרילן, וואָס זיינען געווען די קלעזמער, גענומען שפּילן און די וואַנצן, וואָס זיינען געווען די מחותנים — טאַנצן, טאַנצן, אַז עס איז אַזש געגאַנגען אַ רויך...

וויכטיקער זיינען אָבער די רעאַליסטישע באַשרייבונגען. זיי דינען פאַר מענטשן ווי שפּיגלען, פון וועלכע זיי קענען זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל ווי אַזוי בעסער זיך אויפצופירן. פאַר אַ באַוויז, אַז עס איז אַזוי, — אָט־איז נאָר אַ קליין געשיכטעלע פון אַ פּאָעט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער גרוב, פון וועלכער ער איז אַרויס בשן־ועין... און אַריינגעפאַלן איז ער דערפאַר, ווייל ער פלעגט תמיד אַרומגיין פאַרזונקען אין זיינע פּאָעטישע מחשבות און ער האָט קיינמאָל ניט געקוקט וואָס אַרום אים טוט זיך. ערט זיך אַ סך מאָל צעבוצקעט מיט אַנדערע, מיט אַ וואַנט, מיט אַ טיר, מיט אַ בוים, וואו ער איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען מיט אַ בייל אויפן שטערן, אַזוי ביז ער איז איינמאָל שפּאַנענדיק פאַרטראַכט וועגן אַ פּאָעמע אין אַ וואַלד, צוגעקומען פאַר דער גרוב, וועלכע ער האָט ניט געזען, איז, אַז ער האָט דאָרט אויפגע־הויבן אַ פוס צו מאַכן נאָך אַ שפּאַן, — באָמפּ! — איז געלעגן אין דער טיפער גרוב פון אונטן, פון וועלכער מע האָט אים אַרויסגעצויגן מיט אַ צעבראָכן אויג און מיט אַ בלינד געוואָרענע פוס... וואָס־זשע איז? ווען אַנדערע פּאָעטן און אפילו ניט פּאָעטן לייענען אַזאַ געשיכטע, ווייסן זיי, אַז זיי דאַרפן תמיד קוקן וואָס אַרום זיי טוט זיך...

פון די לערן־ביכער אין די שולן איז דאָך אָפּגערעדט; אָן זיי, וואָלט קיינער אפילו געקענט ציילן קייך צווייי. מיט איין וואָרט: די ביכער האָבן פאַר די מענטשן דעם גרעסטן באַטרעף; זיי זיינען פאַר זיי טייערער — אין לשער טייערער פון גאָלד און פון זילבער פון

פערל, דימענטן און בריליאַנטן — זיי מאַכן זיי אַ סך שענער און אידעלער...

און צו די מחברים פון די ביכער ווערט שוין אודאי צוגעטיילט אַ גרויסער כבוד, אַ גוטער שכר; אַ שכר, מיט וועלכן זיי קענען זיך דערלויבן צו וואוינען אין די שענסטע היזער, טראָגן פיינע מלבושים, עסן גוטע מאכלים, געניסן פון אַ סך אַנדערע פאַרגעניגנס, און פאַרוואָס טאַקע ניט? זיי פאַרדינען זיך עס פאַר זייער אַרבעט כשר וישר! אָבער זיי קריגן גאָר אַריך קרענק מיט קדחת מיט כשרע פּאַדים, מיט מכות און ניט קיין קליינע טעפּעלעך, נאָר אין גאַנצע ראַשקעס, אין גרויסע צעבערס. די מערסטע פון זיי זיינען אַזוינע דלפנים, אַז ווי בעטלערס בייגן זיי דעם קאָפּ פאַר אַ מאַלצייט אפילו פאַר בעקערס און די לעצטע קוקן אויף זיי ווי אויף עפּעס אַ מין סאָרט פליאַסקעדריגעס... און ווען ניט איניקע זאָלן זיי פאַר רחמנות ניט אונטערשטופּן אַמאָל אַ האַרטן־דרייער, וואָלט מען נאָך זיי געדאַרפט זאָגן קדיש, נאָך אידער זיי זיינען געבוירן געוואָרן...

אָבער אין דעם, וואָס זיי ווערן אַזוי שלעכט באַלוינט, איז דאָ אויך קיין אַנדערן ניט צו באַשולדיקן. — זיי זיינען זיך עס אַליין גורם.

ווייל די מחברים פון די ביכער, וואו אויך די, וואָס שרייבן אין די צייטונגען, זשורנאַלן, באַרעדן זיך — טרייבן רכילות, דערציילן ליגן איינס אויף ס'אַנדערע, ערגער — הונדערט מאָל ערגער, ווי די סטאָ־ליערס, אפילו פון די בעקערס.

שרייבער, די מערסטע פון זיי, יעדנפאַלס, זיינען זיך שונאים; דם־שונאים! פאַראַן אַזוינע, וועלכע, ווען זיי קענען דעם צווייטן דער־טרינקען אין אַ לעפל־וואַסער, וואָלטן זיי עס גערן געטאָן. וואָס איינער וועט אָנשרייבן, וועט ער אַרונטעררייסן, מאַכן עס צו אַש און צו בלאָ־טע... ווי למשל, ווען איינער וועט אַרויסגעבן אַ בוך מיט וויצן, פון וועלכע אַלע אַנדערע וועלן לאַכן — אַזש זיך האַלטן ביי די זייטן, וועט ער שטיין דערביי מיט אַ זויערן פּנים, וואָס, ווען אפילו עמיצער זאָל אים קיצלען, וועט ער זיך נאָר קרימען, ווי עפּעס אַן אומגליק האָט אים געטראָפן (אַליין געזען...), וועט איינער אָנשרייבן אַ טרויעריקע גע־שיכטע, פון וועלכער אַלע אַנדערע, וואָס וועלן זי לעזן, וועלן פאַרגיסן טייכן טרערן, וועט אַ צווייטער שרייבער ביי איר אפילו קיין פּינטל ניט טאָן מיט קיין אויג...

זיי שטעלן זיך ניט אָפּ אפילו פון דערציילן איינס אויף ס'אַנדערע כלערליי ליגנס וועגן געמיינעם אויפפירן זיך און זיי וועלן זיך זאָגאַר ניט שעמען זיך שווערן כ'וויס ווי אַזוי, אַז וואָס זיי זאָגן וועגן צווייטן איז אמת ויציב וקיים ונכון וישר! טאָמער מאַכט איינער ביי זיי אַ טעות

בײם שרײבן מיט אַ װאָרט, נו, נו, מעג שױן דער אינהאַלט זײן אַ װאונדערלעכער, װעט אַ צװײטער, װעלכער מאַכט אַלײן טעותים, פאַר אַנדערע דאָס אונטערשטרײכן און דערמיט װי װײט ער װעט קענען אים זוכן אונטערצורײסן. דער תכלית; אײדער מע זאָל קוקן אויף זײ מיט דרך־ארץ, באַטראַכט מען זײ מיט ביטול און קײנעם אַרט ניט פאַר זײ װאָס זײ בעטלען נדבות און מע באַגראָבט זײ אפילו אין פרעמדע תכריכים... (ברידערלעך און חברימלעך, איך זאָג לײדער דעם אמת...)

מירן אַצינד אַקוקטאָן צו שכנים, אַרבעטער און אפשר אויך צו דאָקטוירים:

איבער רכילות בײ שכנות

אַז שכנים פון אײן גאַס, הױפּטזעכלעך, שכנות, טרײבן ניט קײן רכילות — רעדן ניט קײן לשון־הרע אײנס אויף ס׳אַנדערע, דאַרף מען װעגן דעם קײנעם קײן סך ניט ברײען. ס׳איז פאַר אַלעמען אַ באַװאוסטע זאַך, אַז פרויען בכלל, האָבן זיך ניט ליב צו באַרעדן... בפרט נאָך װען זײ זײנען שכנות, האָבן זײ עס אװדאי און אװדאי פײנט. װאָס הײסט פײנט? בתכלית השנאה... און בײם באַרעדן זיך אײנס דאָס אַנדערע, װעלן זײ בשום אופן זיך ניט שװערן כ׳װײס װי אַזױ, אַז אַלץ, װאָס זײ ברענגען פאַר װעגן דער צװײטער איז אמת; נו, קומט שױן אַרױס דערפון זײער אַ שלעכטער תכלית: קריגערײען, געשלעגן, אפילו — הריגות. דערבײ איז בײ זײ באַרעדן זיך צו באַרעדן זיך ניט גלײך; סע געבן זיך אויס פון זײ אַזױנע ספּעציאַליסטקעס אויף דעם געביט, װאָס קענען טאַקע, װי מע זאָגט, מיט זײערע צינגער ברענגען אַנדערע אויפן פײער...

איבער רכילות בײ שכנות —

און אום צו זען צו װאָס פאַר אַ תכלית עס קאָנען ברענגען אַזױנע,
איז כדאי צו דערצײלן װאָס אין אַ גאַס האָט אױפגעטאָן אַזאַ אײנע;

די גאַס איז געװען באַװאוינט פון ניט קײן רײכע משפחות,
צומערסטנס, פון קלײנע געשעפטס־לײט און פון בעל־מלאכות,
זײנען דאָרט פון הײזער, װאָס זײנען געשטאַנען אין אײנעם,
אַ סטאָליער און אַ קצב געװען זײנען די שכנים;

איז די סטאָליערקע געװען אַ פרוי, אַ שטילע,
װאָס קינדער האָט זי געהאַט אַ שטוב, אַ פולע,

זיי נאָר צו באַזאָרגן מיטן קליידן און מיטן עסן,
האָט זי אין זיך אַליין געדאַרפט שוין פאַרגעסן.
דערצו איז איר סטאָליער געווען אַ קינסטלערשער מייסטער,
איז שוין ליידיק כסדר ביי איר געווען דער טייסטער,
האָבן די דאגות: וואו נעמט מען פאַרן עסן און קליידן,
שוין פאַרטריבן ביי איר דעם חשק, וועמען צו באַריידן.

אָבער די קצבטע איז געווען פונקט דאָס פאַרקערטע;
מיט אַ פנים, פאַרפאַרבט און מיט נעגל געפּאָלירטע,
האָט זי שטענדיק געטראָגן אַזוי געפּאַסט איר קליידל,
אַז איר פיגור, איר טאַליע זאָלן אויסקוקן איידל...
און קינדער ביי איר געווען, אַ מיידל, נאָר איינע,
האָט זי צייט, זי באַזאָרגן, געדאַרפט גאָר אַ קליינע,
דאָ נאָך געווען איז איר קצב, אַ פּאַרדינער, אַ גוטער,
האָט איר געפעלט שוין קיין פליישׂ און קיין אייער, קיין פּוטער, (קיין לעבער — אויך ניט...)
אַזוי ווי דאגות האָט זי געהאַט גאָר קליינע,
פלעגט זי באַרעדן פון דער גאַס יעדער שכנה...

אָבער מער באַרעדט האָט זי איר אייגענער שכנה;
זי פלעגט אויף איר זאָגן, אַז זי איז ניט קיין ריינע,
זי פלעגט אויף איר דערציילן אַן אַשיעור ליגן,
אַז דער מאַן האָלט זיך מיט איר אין איין קריגן,
אַז ביינאַכט, ווען ער שלאָפט, קריכט זי צו זיינע הויזן
און גנבעט פונעם געלט, וואָס אים בלייבט פאַר זיך שפּייזן,
אַז ערט איר דערפאַר שוין געוואָרפן טעלער און שיסל,
און וואו געמאַכט ער וואָלט איר בלינד, ווען ער טרעפט נאָך אַ ביסל...
און אַז זיי שלאָפן דערפאַר אין באַזונדערע בעטן
און אַז ערט געשלעפּט איר צום רב און געוואָלט איר שוין גטן;
און אַז זי האָט געמוזט פאַרן רב הייליק שווערן,
אַז מער זיינע הויזן זי וועט ניט אָנרירן...

און אַז אָבער, עס זיינען אַוועק ניט מער פון אַ פּאָר וואָכן,
וואו זי איז ווידער ביינאַכט צו זיינע הויזן געקראָכן...
און וואו כאָטש זי האָט זיך ביי זיי געפּאַרעט לייכט ווי אַ פעדער,
האָט ער זיך געגעבן אַ דריי און אַ וואָרף מיט די גלידער...
און אַז זי דאַן איז פון שרעק מיט די הויזן אין דרויסן אַנטלאָפן
און זי האָט זיי אין דער מיט פון דער גאַס אַוועקגעוואָרפן...

און אַז געקומען אין דער פרי, ער דאַרף גיין פאַרדינען,
ער זוכט זיינע הויזן, ניט ער קען זיי געפינען...
און אַז אויף זיינע געוואַלדן, אויף זיינע געשרייען,
די זאָגט אים: „אַ גנב האָט מסתם זיי אַנטליען״...
און אַז ס׳איז אמת איר באַרעדן, האָבן שכנים די ראיה,
— ער גייט פון דער אַרבעט מיט הויזן, גאָר נייע!...

ווען אָבער אַ שכנה האָט עס צום סטאָליער דערטראָגן,
איז ער אַרויס צום קצב און זיך געשטעלט מיט אים שלאָגן!
ערט געהאַקט דעם קצב ווי מיט אַ האַמער אין אַ ברעטל,
און דער קצב — אים צוריק, ווי אין אַ קעלבערן זייטל...
בקיצור, צעביילט און צעשלאָגן מיט צעריסענע קליידער,
מיט וואונדן: פאַרבונדן, זיי זיינען געלעגן אַ יעדער...

ווענן אַרבעטער, אָנגעשטעלטע פון באַלעבאָס —

וואָס אַרבעטער, אָנגעשטעלטע ביי אין באַלעבאָס זיינען זיך גורם מיטן באַרעדן זיך און מיט שווערן זיך נאָך דערביי פאַלש, אַז עס איז אמת, איז עס שוין פאַר די מערסטע וואויל באַקאַנט. זיי ליגן נאָך טי־פער ווי ניין איילן אין דער אדמה לעבעדיקערהייט...

וועגן דאָקטוירים איז פאַראַן צו באַשרייבן גאָר וויכטיקס; ווי אַזוי איין דאָקטער וועט זאָגן אויף אַ צווייטן, אַז ער הייבט ניט אָן צו וויסן וואָס אַ קרענק איז; און ווי אַזוי דער און דער דאָקטער וועט פאַר געלט מאַכן אַ „מפיל״ און אפילו אָפּשניידן אַ צווייטן דעם קאָפּ און ער׳ט זיך שווערן ביי די ליגנס כ׳ווייס ווי אַזוי, אַז ס׳איז אמת... אָבער אויספירלעכער וועגן זיי — אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל.

אָבער וואָס וויכטיק אונטערצושטרייכן איז, אַז רכילות — לשון־הרע, הויפּטזעכלעך, דאָס שווערן זיך פאַלש דערביי, אַז ס׳איז אמת — האָט, חוץ, וואָס סע האָט מיטגעבראַכט, מע זאָל סטאָליערס, שניידערס, באָנדערס, בעקערס, חזנים, באַזינדערס שרייבערס טאַסקען פאַר דער צייט אין מיתות אויפן בית־עולם... האָט אויך גורם געווען, ווי מען האָט שוין מיליאָנען אַנדערע געשיקט אויפן פייער, אויף תליות, צו אַלע אַנדערע מיתות משונות.

צוליב קנאה און שנאה האָבן איינע געמאַכט בילבולים אויף אַנ־דערע וועגן מעשים תעתועים, וואָס זיי זיינען ניט באַגאַנגען, וואו דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מע האָט זיי אומגעבראַכט, אָפּט מיט שוי־דערלעכע אופנים. איבער קנאה און שנאה זיינען שוין געמאַכט געוואָרן בילבולים אויף גאַנצע נאַציאָנען, וואו די מאַכערס האָבן זיך דערביי

געשוואָרן אַז ס׳איז אמת, וואו דער המון איז זיי דערפאַר באַפאַלן, זיי גרויבט און געהרגעט — אַן אומגליק, וואָס איז שוין ניט איינמאָל געשען צו די איירישע . . .

קיינער איז ניט געווען און איז היינט אויך ניט זיכער מיט זיין לעבן מיט זיין וואוילזיין. אַן אַנדערער, זיינער אַ שונא, קען אויסטראַכטן אויף אים אַ בילבול זיך שווערן דערביי, אַז ס׳איז אמת און מע זאָל שוין מאַכן פון אים דעם ריכטיקן תכלית . . .

אַדורך די איירישע איז געבראַכט געוואָרן מיטן נאָמען פון זייער איין־און־איינציקן גאָט דאָס געבאָט: „זאָלסט ניט שווערן פאַלש!״

מענטשן האָבן אים אומעטום אָנערקענט פאַר וויכטיק, פאַר ווינטשנס־ווערט. אָבער, לײדער היטן זיי אים ניט אָפּ!

נאָך ביי היינט־צו־טאָג שמאַכטן מאַסן אין די תפיסות, ווערן געטויט פאַר חטאים, וואָס זיי זיינען ניט באַגאַנגען, נאָר וואָס אַנדערע האָבן אויף זיי אויסגעטראַכט און זיך געשוואָרן, אַז ס׳איז אמת.

אויב עס וועט אַמאָל קומען אַ טאָג, ווען מענטשן וועלן אומעטום אָפּהיטן ריכטיק דאָס געבאָט, וועלן זיי דעמאָלט לעבן זיכערער, בעסער און פרייער . . .

קאַפּיטל ד.

זעקס זאָלסטו אַרבעטן, דעם זיבעטן זאָלסטו רוען!

אדם וחוה אין גן עדן —

אָנפאַנגס האָבן אדם וחוה פאַרבראַכט אין גן־עדן
און עס איז זיי דאָרט געווען גוט ווי די וועלט,
עסן און טרונקען — דאָרטן געווען לרוב פאַר בידן
און זיי האָבן עס באַקומען אומזיסט: אָן געלט...

זיי האָבן אין אים אויך ניט געדאַרפט האָבן קיין קליידער;
זיי זיינען געגאַנגען אָן שיך, אָן הויזן, אָן אַ העמד,
אין גן־עדן איז געווען וואַרעם, סאַ מחיה, כסדר,
און גיין אין אים נאַקעט האָבן זיי זיך גאָרניט געשעמט...

אויך הייזער, טיש און בעטן האָבן זיי געדאַרפט האָבן אויף כפּרות;
אַ בוים איז געווען זייער הײם, אַ צווייג — אַ טיש, אַ בעט,
גראָבן, אַקערן, זייען, איז ניט געווען זייערע צרות,
האָבן זיי זיך נאָר געשפּילט, זיך געצערטלט און געגלעט...

זיי האָבן דאָרט אויך ניט געוואוסט פון דאגהן פאַרן מאָרגן;
עס האָט זיי קיינמאָל קיין זאַך ניט געפעלט;
מיט אַלצדינג פלעגט זיי גאָט אַליין באַזאָרגן,
און זיי האָבן זיך נאָר געפריידט און געקוועלט,
בקיצור, עס איז זיי געווען גוט ווי די וועלט!...

האַנדלען זיי אָבער געמיין קעגן גאָט,
וואָס האָט דאָס אַלץ פאַר זיי פאַרגרייט;
זיי ווידערשפּיניקן זיין געבאָט,
ווי זיי דאַרפן זיך פירן באַשיידט.

וואָס האָבן זיי געטאָן?

אין גן־עדן, מיט די ביימער — אַלערליי,
זיינען געוואָקסן גאָר וואונדערלעכע צוויי;

איינער — פון לעבן, דער צווייטער פון וויסן !
וואָזשע האָט דאָ געטאָן גאָט ?
די פּירות פון אַלעביימער לאָזט ער זיי עסן,
נאָר פון די צוויי פאַרווערט ער זיי צו געניסן . . .
און באַפּיילן זיי ער האָט,
אַז זיי זאָלן אפילו די ביימער ניט אָנרירן !
טאָמער — יאָ, וואָרנט ער זיי מיט פאַרשניטענע יאָרן !
האָבן זיי באַלד געהערט זיין באַפעל,
און עס איז זיי געווען גוט און וואויל . . .

פאַרפירט פון דער שלאַנג

קומט אָבער פאַר זיי דער שטן, די שלאַנג,
און זי נעמט זיך צו חוהן שאַרן,
און זי מאַכט איר אַזוי אָן דעם פאַרלאַנג,
די פאַרבאָטענע פרוכט צו פּראָבירן.

איי, זאָגט זי איר, איז די פרוכט אַזוי זיס !
אַז מען פילט אין איר דעם בעסטן גענוס ! . . .
אַז, ווען די פרוכט נאָר מע פאַרזוכט,
ערשט ווייסט מען וואָס גוט און וואָס שלעכט,
וואָס פּראָסט און וואָס עכט,
וואָס פאַלש און וואָס רעכט,
וואָס נאַריש און וואָס קלוג,
וואָסליידן און וואָס גליק,
וואָס מיאוס און וואָס שיין,
וואָס איידל און וואָס — געמיין,
אַזוי, מיט די זיסע רייד
האָט זי איר דעם קאָפּ פאַרדרייט,
און זי האָט איר פאַרפירט,
די פאַרבאָטענע פרוכט די האָט פּראָבירט
און האָט שוין דערמיט אַזוי איר אדמען באַאיינפלוסט,
אַז אויך ער נעמט זיך צו דער פאַרבאָטענער פרוכט און געניסט . . .

פאַרשאָלטן און אַרויסגעטריבן

באַלד אָבער האָבן זיי אַ גאַסט ;
גאָט, וואָס האָט אויף זיי אויפגעפּאַסט ! . . .
אַזוי ווי זיי האָבן שוין געוואוסט וואָס ניט איידל און ניט שיין,
אַז אַרומצוגיין נאַקעטערהייט איז מיאוס און געמיין,
דאָ, וואו זיי האָבן נאָך ניט געהאַט זאָגאַר קיין העמד,
האָבן זיי זיך נאָך פאַר גאָט אַליין זייער געשעמט,

זיינען זיי אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן הינטער אַ בוים
און, אַז גאָט קומט צוגיין, זיינען זיי נישטאָ אין דער היים!...

האָט ער אין דער היים, פון זיי די פוסטע,
גענומען רופן: אדם, וואו ביזטו?!...

הכלל, זיי זיינען צו אים פאָרט פון דער באַהעלטעניש אַרויס,
נאָר שוין באַדעקט מיט פייגן בלעטער וואָס מע זאָגט ניט אויס...
דערביי נעמען זיי אים געבען צו פאַרשטיין,
אַז וואָס זיי האָבן זיך הינטערן בוים פאַררוקט,
איז ווייל זיי האָבן זיך געפילט זייער ניט שיין,
וואָס זיי האָבןביידע הויל־נאַקעט אויסגעקוקט...

— אָבער, איז דען געווען נייטיק זייער געבן צו פאַרשטיין?
וואָס זיי האָבן געטאָן, האָט שוין געוואוסט גאָט, אַליין...

און פאַר ניט פאָלגן זיין געבאָט,
האָט אויף זיי שטאַרק געצאָרנט גאָט!

אדם האָט אים געזאָגט, אַז חוה איז אין דעם שולדיק,
אַז זי האָט אים באַווירקט, ער זאָל באַגיין דעם חטא,
חוה, ווידער האָט געקלאָגט, אַז וואָס זי האָט געזינדיקט,
איז נאָר ווייל דער שטן, די שלאַנג, האָט איר אָנגערעדט;
אַז נאָר די שלאַנג אַליין האָט עס איר פאַרפירט,
וואָס זי האָט די פאַרבאָטענע פרוכט פראָבירט...

אָבער זייערס זאָגן פאַר גאָט האָט שוין דאָ ווייניק געגאָלטן,
פאַר איבערטרעטן זיין געבאָט האָט ער זיי ביטער געשאָלטן!...

מילא, וואָס ער האָט שוין געוואונטשן דער שלאַנג?
ניט זיין אויף איר אָרט, דאַרף קיינעם ניט טאָן באַנק! —
ווייל זי איז אָן הענט און אָן פיס,
און זי קריכט נאָך אויפן בויך,
ביז זי גיט אין אַ פיאַטע אַ ביס,
איר פיינט צעשמעטערט איר מוח...

אָבער וואָס האָט ער צו חוהן געזאָגט? —
אַז איר לעבן זאָל זיין וויסט און פאַרקלאָגט,
אַז איר צער און טרויער זאָל זיך תמיד מערן,

מיט גרויסע שמערצן זאָל זי די קינדער געבוירן,
און אַז זי זאָל כסדר גלוסטן
צו דעם מאַן, מיטן קאָפּ, דעם פּוסטן,
און אַז דער מאַן, דער אָפּגעריסענער נאַר,
זאָל איבער איר הערשעווען — זײַן איר האַר...

אויף אדמען האָט נאָך געפלאַקערט שטאַרקער גאָטס צאָרן;
און ער האָט אים פאַרשאָלטן מיט אָפּגעשניטענע יאָרן;
כמעט אַזוי האָט געזאָגט צו אים גאָט:
אַז דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פון דער פרוי פאַרפירן
און געגעסן פון די פירות ער האָט,
צו וועלכע ער האָט אים פאַרווערט זיך אפילו צורירן,
זאָל ער מיטן שווייס פון זײַן פּנים עסן דאָס ברויט,
און האָרעווען שווער און זיך מאַטערן ביזן טויט,
דען, זאָל ער זיך אומקערן צו דער ערד,
פון וועלכער ער האָט אים פאַרעמירט...

און דאַן איז שוין אויך געקומען אין גאָטס פאַרשטאַנד:
טאָמער נאָך צום בוים פון לעבן, ער שטרעקט אויס אַ האַנט?
און אַזוי נאָכער,
ווען ער שטאַרבט ניט מער,
— זיך רעכנט ער:
באַגלײַך מיט מיר?!...
האָט ער זיי אָנגענומען ביידן
און משלח געווען פון גן־עדן...

אדם אויסער גן־עדן

אַצינד, אויסערן גן־עדן ווערט אָדם אויסגעריסן;
אומזיסט איז שוין פאַר אים אין ערגעץ ניטאָ קיין ביסן;
טאַקע מיטן שווייס פונעם פּנים קריגט ער זײַן ברויט,
אָפט געדאַרפט אַריין דערפאַר אין סכנה פון טויט...
דערבײַ שוין בײַ אים— האָט געפיל צו זאָרגן
דערפאַר, וואָס ער וועט ערשט דאַרפן מאָרגן,
מאַכט אים צו פּראַצעווען שווער:
טאָג מיט נאַכט אָן אַן אויפהער,
ער׳ט ניט געוואוסט פון קיין שבת, נאָר פון וואָך,
אַזוי דור, נאָך דור האָט ער געשלעפּט דעם יאָך;
און ער איז געוואָרן אַזוי דערשעפּט און פאַרמאַטערט,
אַז וואו אַ מחלה האָט אים אָנגעכאַפּט און געפּאַטערט,
דערצו נאָך האָט איין אָדם דעם צווייטן פאַרשקלאַפּט

און געצװיגן פון אים דאָס לעצטע ביסל זאַפט;
אַצינד מיט זײן חוהן, װי אין גן־עדן
האָט ער זיך מער ניט געפרײט, ניט געקװעלט,
ביטער און פינצטער איז זײ געװוען בײדן,
אַ גיהנום, איז שױן אים געװוען די װעלט...

אָדם װאָלט געזונקען — װער װײסט צו װאָס פאַר אַ שטאַנד,
װען ניט די אײרישע שטרעקן אים אױס אַ האַנט!...
נעמלעך? —
מיטן נאָמען פון זײער אײנציקן גאָט,
האָבן זײ פאַר אָדמען פראָקלאַמירט,
אַז נאָך זעקס טעג, װאָס געאַרבעט ער האָט,
דעם זיבעטן טאָג זאָל ער רוען;
אַ קנעכט, אַ בהמה, װאָס נאָר ער עקספּלואַטירט
אױך פאַר דעם טאָג זאָל ער באַפרײען!...

און שבת קומט װידער אָדם אַרײן אין גן־עדן...

און װען אָדם טוט דעם געבאָט אױספירן,
נעמט פאַר אים אַ גרױס װאונדער פאַסירן;
עס װערט זײן הײם שײן און ליכטיק,
יעדער װינקל — רײן און ציכטיק,
מיט טיש און בעטן — װײס־פאַרשפרײטע,
מיט מאכלים — פריש — צום עסן גרײטע,
און זײן חוה — אַ שײן־פאַרפוצטע
װערט מיט איר חן זײן טיף געשעצטע...
און דאגות — זאָרגן — גלײך פאַרגעסן,
און זײ געניסן ס׳פרישע עסן,
און אַ גליק, אַ פרײד באַנעמט זײ בײדן,
און — אַ קוש, אַ גלעט — דער גן־עדן!...

די אײרישע אַלײן האָבן אָפּגעהיט דעם געבאָט פונעם רו־טאָג, שבת, װי ער הײסט בײ זײ, און אַ סך פון זײ היטן אים נאָך הײנט אױך אָפּ מיטן גרעסטן אײפער. קײן ריכטיקער אײרישער װעט הײנט־צו־טאָג ניט טאָן אַלײן װאו אױך ניט דורך אַנדערע װעלכע סע ניט איז מלאכה. שבת איז בײ זײ אַ פולשטענדיקער רו־טאָג פאַר אַלעמען! און דערפאַר, װאָס זײ פירן אַדורך דאָס געבאָט אַזױ פּינקטלעך, לאָזט זיך פאַר זײ אין דעם טאָג װײטער אַמאָל אַראָפּ דער גן־עדן, װאו זײ געניסן די אמתדיקע גשמיותדיקע און רוחניותדיקע פאַרגעניגנס...

נאָך מיט אַ דור צוריק פלעגן זײ אין מקומות אין אים אין גן־עדן קריגן דערלאַנגט פאַר מאכלים: פרישע פײנע געבעקסן; װי געפלאָכטענע קױלעטשן, כלעדלײ באַטעמטע קוכלעך, קאַרזשיקעס, שטרודלס און פלודנס. פאַר געקעכצן — געפילטע פיש און לאָקשן מיט יױך... צימעסן מיט מערן, קאָמפּאָטן פון פלױמען מיט ראָזשינקעס און פון אַנדערע פּרוכטן. איבערהױפּט שבת צו װאַרמעס, האָט מען זײ דאָרט געגעבן צו עסן טשאָלנט, װאָס איז באַשטאַנען פון פּיטשע מיט קוגל. דער קוגל איז געװען אַ שם־דבר אין דער װעלט! אַזױ האָט מען זײ פאַר די געטראַנקען דערלאַנגט װײן פון ראָזשינקעס פאַרן „קידוש" און דער „הבדלה". אינדערפרי, פלעגן זײ אין מקומות, שבת, אין גן־עדן, קריגן צו טרונקען ציקאָריע מיט מילך... בײטאָג, װײל זײ האָבן ניט געצינדן קײן פײער — װאַרעמע טײ פונעם פּעקעליק, װאָס האָט אפילו צוליב די באַדעקנדע שמאַטעס צו האַלטן זי װאַרעם געהאַט אַ פאַרדימפּענעם שמעק, אָבער, זי איז געװען טעם־גן־עדן... אַז טרונקנדיק זי פלעגן זײ זיך אַזש קװיקן און בײ יעדן זופּ פון איר מאַכן: אַהה! אַהה!...

און דערלאַנגען זײ די מאכלים און די געטראַנקען פלעגן אײדישיכעס: מערים, פּעגים, ראָזעס, װאָס אויפן יידישן לשון װאָלטן זײ געהײסן, מארים, פײגלס, רײזלס א. אַז. װ. אױסגעפּוצטע אין שײנע נײַע קלײדער, אױף זײערע קעפּ — װײסע טשופּעקעס מיט זײדענע פּאַטשײלעס, מיט פנימער, װאָס האָבן געשײנט צו זײ מיט ליבע גליקלעכע מינעס...

דאָס אַלץ איז געװען פון די גישמיותדיקע פאַרגעניגנס. פון די רוחניותדיקע, פלעגן זײ פאַרברענגען דעם שבת, װי אױך לײטישע גוטע אײדישע נאָך הײנט, װעלכער פאַנגט זיך אָן בײ זײ דעם זעקסטן טאָג פאַרנאַכט, אין זײערע שולן, אין זײערע הײמען אין שירות ותשבחות צו דעם, װאָס זיצט — אױבן, פאַר דער טײערער מתנה פונעם שבת, װאָס ער האָט זײ געגעבן. אַ פאַר מאָל האָבן זײ געזונגען צו אים שירים, װאו גוטע אײדישע טוען עס נאָך איצט אינאײנעם מיט די מלאכים; אײנמאָל, דערלאַנגנדיק אים צוזאַמען מיט די מלאכים די קרױן, זײנען זײ אונטערגעשפּרונגען דרײ מאָל, אױסררופנדיק: קדוש, קדוש, קדוש! — הײליק, הײליק, הײליק! און דער גן־עדן איז באַשטראַלט געװאָרן, נאָך הײנט אױך, פון זײער אַלמעכטיקן מיט אַ גרױסער ליכטיקײט, מיט אַ ליכטיקײט, װאָס איז שטאַרקער פון דער שײן פון זיבן זונען...

פאַרן טאָג פלעגן זײ זיך אין דעם גן־עדן באַגעגענען, װי שױן געזאָגט, גוטע אײדישע נאָך הײנט אױך, מיט זײערע אײדישע אָבות: װי איבּ מק'העברי, אײזיק מק'העברי און דזשײקאָב מק'העברי... מיט אַנדערע אײדישע באַװאוסטע פּערזענלעכקײטן, װי מיט זײערע געװעזענע אײדישע מלכים, מיט גרױסע חכמים נביאים, תנאים, מיט אַנ־

דערע גרויסע צדיקים, וואָס פאַרברענגען כסדר, פון זינט אָן זיי זײנען נפטר געוואָרן אין גן־עדן און הערן פון זיי גרויסע חכמות, וואונדער־לעכע חזיונות און געניסן פון זיי, נאָך היינט אויך, אַ גרויסן נחת־רוח...

לעצטנס קאָן מען אויך טרעפן אין גן־עדן אַמעריקאַנער רביים, אָבער מע דאַרף קומען דערפאַר אין די זונטיקס... נאָר ס'איז אַ גרויסע שאלה צי ער וועט זיך פאַר די אַמעריקאַנער אײרישע עפענען אום זונטיק, צי ער וועט זיין פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן. און אַלע אַמעריקאַנער אײרישע וועלן ניט בלייבן שטיק אין דרויסן?...

חוץ איין טאָג אין יאָר — יום־כיפור — איז ביי זיי יעדער שבת דער הייליקסטער טאָג. אַלע אַנדערע טעג פון דער וואָך האָבן ביי זיי געהאַט אויף אַזויפיל אַ ווערט, וויפל זיי זײנען געווען דער וועג, וואָס האָט זיי געפירט צום שבת.

אויפן פינפטן טאָג אין דער וואָך פלעגן זיי זיך שוין אָנהייבן מקדים זיין פאַרן שבת (ווי געזאָגט — אַ סך נאָך היינט אויך). דעם זעקסטן טאָג, בצהרים, פלעגן זיי שוין אַלע אָוועקלייגן זייערע טועכצן און זיך אָוועקלאָזן אין מרחץ אַריין צו מאַכן זיך ריין פאַרן שבת.

אין מרחץ איז געווען אַן אָפּטײלונג אָנגעפילט מיט הייסער פאַרע אויף אויסצעשוויצן זיך, זײנען דאָרט געשטאַנען פונעם דיל ביזקל דער דער סטעליע לאַנגע בענק אַזוי ווי טרעפּ: איינס אויף ס'אַנדערע. און די אײרישע פלעגן זיך נאַקעטערהייט אויסלייגן אויף זיי און מיט בע־זעמלעך פון רוטלעך פון דעמבענע ביימער מיט די ברייטע בלעטער, שוין ווייך צעפּאַרעטע, פלעגן זיי זיך שמייסן און רייבן זייערע נאַקע־טע לייבער: גוט, גוט!... און זיי האָבן אויסגעשוויצט אַלץ, וואָס האָט זיך אין זיי אָנגעמאַכט פאַר דער וואָך... גרויסע געזונטע אײרישע פלעגן זיך אויסלייגן אויף די אויבערשטע בענק, וואו די היץ איז גע־ווען שטאַרקער און זיך שמייסן, אַז ס'איז אַזש געגאַנגען אַ רויך... אין די שוויץ־אָפּטײלונגען זײנען געשטאַנען אַזוינע אויוונס מיט אָנגעגליטע שטיינער און איינער פלעגט אויף זיי אַרויפגיסן שעפעלעך וואַסער, וואָס האָט אָנגעמאַכט די פאַרע, אָפּט אַזוי געדיכט, אַז מען האָט איינער דעם צווייטן ניט געזען; די אײרישע פלעגן זיך שמייסן איינס דאָס אַנדערע, פלעגט איינער דערפאַר, אָנשטאָט שמייסן דעם אַנדערן אין דער פּליי־צע, שמייסן אים ערגעץ אַנדערש... און ווי הייס עס איז ניט געווען אין דער שוויץ־אָפּטײלונג, ווי דער דאַמפּ איז דאָרט ניט געווען אָנ־געלאָזט געדיכט, פלעגט זיך נאָך צו די געזונטע אײרישע, וועלכע ליי־גנדיק אויף די אויבערשטע בענק, זיך גלוסטן מער פאַרע און שמיי־סנדיק זיך מיט די בעזעמלעך, פלעגן זיי מיט געבעט שרייען צו די, וואָס האָבן געגאָסן אויף די צעגליטע שטיינער שעפעלעך־וואַסער: איי, אַ שעפעלע! נאָך אַ שעפעלע!...

הכלל, זײ זײנען געװאָרן צינטער־רויט! ערשט זײנען זײ אַראָפּ; זיך אָפּגעגאָסן מיט קאַלטע װאַסער; עטלעכע מאָל זיך אָפּגעטובלט אין דער מקוה, — נו, זײנען זײ שוין געװען אײנמאָל ריין!... דאַן, האָבן זײ אויף זיך אַרויפגעצויגן רײנע הינטער־װעש; אין דער היים האָבן זײ זיך אָנגעטאָן נײע מלבושים; און זײנען זײ אַװעק אין זײערע שולן, װאו זײ האָבן מיט שירות ותשבחות מקבל געװען דאָס אָנקומען פונעם שבת...

קומענדיק אַהײם פון שול, האָבן זײ געטראָפן דאָס הויז װי שוין פריער באַשריבן: די טישן פאַרשפּרײט מיט װײסע טישטיכער, מיט פרישע חלה, באַדעקטע מיט פּעכלדיקע סערװעטן, מיט פלעשער װײן פאַרן קידוש; אויף איין עק־טיש אָפּגעפּוצטע לײכטער מיט ברענע־דיקע ליכט, װאָס האָבן געװאָרפן אַ גאָלדענעם שײן אויפן גאַנצן אַרום.

פאַראַן צו באַשרײבן פון אַלע פּרטים װי אַזוי זײ האָבן אַדורכגע־פירט דעם שבת. אָבער אַ פּאָר װאונדערלעכע שטריכן לאָזן זיך ניט פאַרבײגײן —

עפּענענדיק די טירן פונעם קבלת־שבת אין די שטיבער אַריין, פלעגן זײ גלײך זײערע אויסגעפּוצטע אײרישיכעס, זײערע מעריס, פּע־גיס, ראָזעס, מעגיס — מארימס, פּײגלס, רײזלס, מאַכליעס, װי זײ װאָלטן געהײסן אין ײדיש, באַגריסן מיטן שבת; זײ פלעגן זײ זאָגן: „אַ גוט שבת!"... אויף װאָס די האָבן זײ אַלע געענטפערט: „אַ גוט־שבת, אַ גוט יאָר"... אָבער אין דעם מאָמענט האָבן זײ שוין געהאַט זײער װיכטיקע געסט! זײער װיכטיקע? — מלאכים פלעגן זײ קומען באַגריסן מיטן שבת!... נו, פלעגן די אײרישע נעמען זײ באַגריסן מיט זאָגן צו זײ:

„שלום־עליכם, מלאכי השלום, מלאכי עליון, ממלך מלכי המלכים הקב"ה!..." און בעטן זײ, זײ זאָלן זײ בענטשן מיט שלום... — די אײרישע זײנען אַ שלום־פאָלק — שלום איז בײ זײ דאָס טײערסטע — און זײ האָבן אין אַ געהויבענער שטימונג געװען פאַרברענגען דעם גאַנצן שבת און געניסן די פאַרגעניגנס פונעם גן־עדן...

כמעט אַלע פעלקער האָבן אַדאָפּטירט דעם שבת און זײ פירן אים אויס אויף איין אופן אָדער אויף אַן אַנדערן און זײ זײנען אַ דאַנק די אײרישע נעראַטעװעט געװאָרן פון אײביקער, פינצטערער קנעכטשאַפט.

קאַפּיטל ה.

„רעספּעקטיר דיין טאַטן מיט דיין מאַמען"!

איינע פון די וויכטיקסטע טוגנדן, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די איירישע צווישן די אַנדערע, איז דער געבאָט צו רעספּעקטירן טאַטע־מאַמע. פון דעם געבאָט איז אַרויסגעקומען פאַר דער מענטשהייט די גרעסטע טובה.

און דער געבאָט פון אָפּצוגעבן כבוד די עלטערן, מיינט ניט אַוועקצושטעלן זיך פאַר זיי אויף די קני, אָדער אויף אַן אופן, זיי זאָלן קענען אַריינפּליאַסקען, ניין! נאָר ער באַדייט, זיך אויפצופירן אַזוי, אַז ס'זאָל זיין אַ כבוד דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

מענטשן קענען זיך אויפפירן גוט און שלעכט. גוט מיינט אויפצוטאָן זאַכן, וואָס ברענגען נוצן פאַר אַנדערע. ווי למשל, ווען איינער איז אַ שניידער, טוט ער דערמיט אויף גוטע זאַכן פאַר אַנדערע; ער ער נייט אויף פאַר זיי בגדים. און בגדים זיינען זייער וויכטיקע זאַכן פאַר זיי; ווייל איינמאָל זיינען מענטשן זייער מיאוסע באַשעפענישן און נאַקעטערהייט האָבן זיי אַ פּנים פון חוזק.

מענטשן קוקן אויס נאַקעטערהייט אַזוי וואונדערלעך פּאַסקודנע, אַז זיי אַליין האַלטן עס פאַר אַ בושה זיך אַרויסצושטעלן מיט זייערע גלידער נאַקעט. געוויסע טשלענעס פון זייערע גופים — אפילו פאַר אַ בזיון זיי אַרויסצוברענגען מיטן מויל... דערפאַר אַליין זיינען קליידער פאַר זיי העכסט וויכטיק — זיי פאַרשטעלן זיך מיט זיי זייערע פּרעכטיקע מיאוסקייטן... ווער שמועסט נאָך: שיינע קליידער? זיי מאַכן זיי אויסקוקן פיין און איידל... דאַן, באַשיצן זיי זיך מיט זיי קעגן קעלט, שלעכטן וועטער. מיט איין וואָרט: בגדים זיינען פאַר זיי העכסט נוצלעך און גאָר וויכטיק! און ווער מאַכט זיי? שניידערס, פאַרשטייט זיך, און ס'איז דערפאַר אַ כבוד פאַר טאַטע־מאַמע צו האָבן אַ זון, אַ שניידער. וואָס מיינט צו זאָגן, אַז ווען איינער איז אַ שניידער, גיט ער דערמיט אָפּ כבוד דעם טאַטן מיט דער מאַמען...

נאָך אַ גרעסערער כבוד איז צו האָבן אַ זון, אַ שוסטער. אַן שיך, אפילו מיט די שענסטע קליידער האָבן מענטשן אַ פּנים פון חוזק. ווי לאָמיר זאָגן: אויף אַ חתונה, וואו די מחותנים זאָלן גייך מיט פראַקן, מיט צילענדערס, נאָר באָרוועס, וואָלטן זיי עפּעס אויסגעקוקט פיין?

אַ שוסטער וועט נעמען אַ פוס פון אַ יידענע מיט אַ טראָט, צעפלאַטשט ווי אַ בעזעם מיט גניאַטקעס, מיט אַ פיאַטע ווי אַ שמאַטע, וואָס אָסור — עמיצער קען קוקן דערויף, און וועט צו אים צו מאַכן אַ שוך ווי אַ שיפל מיט אַ הויכן דינעם קנאַפל, און ער׳ט באַקומען אַזאַ שיינעם פאַ־סאָן, אַז אַ סך וועלן גאָרניט קאָנען אָפּרייסן די אויגן פון אים... מיט אַ פּאָר אַלטע פלידערן, נאָר מיט אַ פּאָר נייע שיך, קוקט מען אויך אויס באַלעבאַטיש. שיך באַשיינען ניט בלויז דעם מענטשן — זיי פאַרהיטן אים די פיס פון אַריין אין בלאָטע, פון צעהרגעט ווערן פון שטיינער. טאָפּטשנדיק זיך כסדר באָרוועס, וואָלטן מענטשענע פיס געקראָגן דעם פאַסאָן פון פערדישע. מיט איין וואָרט: אַ שוסטער טוט אויף זייער וויכטיקע זאַכן פאַר אַנדערע; און דערפאַר איז אַ כבוד פאַר טאַטע־מאַמע צו האָבן אַ זון, אַ שוסטער... אויך — אַ סטאָליער; אַ בעקער — אוודאי! אַלע, וואָס באַשאַפן נויטיקע זאַכן!...

מיט באַנעמען זיך פיין און אידל מיט אַנדערע, גיט מען אויך אָפּ כבוד דעם טאַטן מיט דער מאַמען וואָס פאַראַ גרעסערן דרך־ארץ קינ־דער האָבן פאַר זייערע עלטערן, אַלץ מער גוטע זאַכן ברענגען זיי אַרויס פאַר זייערע אַרומיקע; אַלץ מער מאַנטלען, הויזן, רעקלעך קאַמזוילן אפילו פראַקן; היטלען קאַפּעלירשן, הייזער, שיך, שטיוועלעטן, שטעק־שיך, אַלע אַנדערע זאַכן וואָס מענטשן האָבן נויטיק, וועלן זיי באַשאַפן... און זיי וועלן אויך די זאַכן אַרויסברענגען בעסער און שענער... אַ בן סורר ומזרה וויל גאָרניט אַרבעטן, טאָמער מאַכט ער עפּעס, טויג עס אויף כפּרות... דערביי וועלן זיי זיך באַנעמען פיינער און אידעלער און מאַכן פאַר אַלעמען דאָס לעבן שענער און באַקוועמער, וואו מען וועט לעבן לענגער; ווי עס זאָגט זיך טאַקע ביים געבאָט:

רעספּעקטיר דיין טאַטן מיט דיין מאַמען, עס זאָלן זיך פאַרלענ־גערן דיינע יאָרן...

די דאָקטוירים...

פון די, וואָס פירן אים אויס האַלב, זיינען עס די דאָקטוירים. זיי טוען אויף פאַר אַנדערע אי גוטס אי שלעכטס; אַ דאָקטער וועט ראַ־טעווען אַ מענטשן דאָס לעבן, וואָס קען נאָך זיין בעסער? איז אָבער די צרה מיט די דאָקטוירים, וואָס זיי זיינען, באַזונדערס, לעצטנס, גע־וואָרן געלט גייציק. ראַטעווען אַ מענטשן דאָס לעבן איז דאָך די גרעס־טע מצוה און מע דאַרף עס טאָן אומזיסט, אָבער דאָקטוירים, היינטיקע צייטן — די מערסטע פון זיי, יעדענפאַלס — הייסן זיך דערפאַר גוט באַשעלעמען; וואָס הייסט: גוט? — אַ באַשטימטע סומע. אַז ניט פאַרקאַטשן זיי ניט די אַרבל, דער חולה ציט אויס די רגלים און גיי רוף זיי: קנאַקניסל.

פאַראַן איצט אַזוינע (און זייער אַ סך) וואָס צוליב אַ פאַרדינסטל וועלן זיי יענעם אויסשניידן אַ שטיקל קישקע... אַזוי, איז אַריינגעקומען איינער צו אַ דאָקטער; עס האָט אים עפּעס ווי געטאָן אַ פינגער; דער דאָקטער האָט דערשמעקט, אַז ער קען דאָ מאַכן אַ פאַרדינסטל; זוכט ער אים אונטער און דערציילט אים אַ מעשה, אַז ער האָט אַ פאַסקוודנע קישקע... אַזוי לאַנג אַזוי ברייט — נאָך אַ פּאָר וויזיטן, פאַר וועלכע ער האָט ביי אים געקראָגן באַשעלעמט, לייגט ער אים אַוועק אין אַ שפּיטאָל און שניידט אים אויס אַ שטיקל קישקע... — מע האָט עס ניט געדאַרפט... (מיטן מחברס אַ טאָכטער האָט אַזוינס פּאַסירט. די דאָקטוירים, היינט טוען אָפּ צוליב געלט ערגערע זאַכן; מאַכן „מפּילס", נעמען אַוועק ביי מענטשן געלט אויף אַזוינע אופנים, וואָס אַנדערע וואָלטן דערפאַר געזעסן אין חד־גדיה.

דאָס לעבן איז דער גרעסטער סוד. קיינער האָט זיך נאָך צו דעם סוד ניט דערגרונטעוועט. אַלץ, וואָס מע האָט זיך דערלערנט וועגן דעם לעבן, טראָגט אַן אויבערפלעכלעכן כאַראַקטער. דאָקטוירים ווייסן נאָך אפילו עד־היום ניט ריכטיק וואָס אַ קרענק איז... די בעסטע הילף, וואָס זיי קענען געבן אַ קראַנקן, איז דער „מעסער". אַלע אַנדערע מיטלען: רעצעפּטן, פּראָשקעס און פּילן, אפילו — די נייעסטע, זיינען פון אַ צווייפלהאַפטן באַדייט... מילא, ווייסן זיי ניט? — ווייסן זיי ניט! אָבער זיי מאַכן דעם אָנשטעל איצט נאָך מיט די פאַרשיידענע מעכאַנישע קונצן, וואָס זיי פאַרמאָגן שוין גראָד, אַז זיי זיינען מי יודע ווער; מלאכים! געטער! אַזוי ווי דער עולם איז אַ גולם, מיינט ער טאַקע, אַז זיי זיינען עפּעס אַזוינע און נעמט אַראָפּ פאַר זיי דאָס היטל... אָבער די דאָקטוירים נוצן אויס דעם צוטרוי פונעם עולם צו זיי אויפן שענדלעכסטן אופן — מאַכן דערפון די פּאָר טאָלער!...

ניט לאַנג צוריק זיינען זיי אַרויס מיט אַ פּזמון, אַז פאַרקילעכצן כאַפּן מענטשן מיט די טאַנסלס פון די העלדזער, לכן, זאָלן זיי פּטור ווערן פון די טאַנסלס, וועלן זיי ניט האָבן מיט וואָס צו כאַפּן אַ פאַרקילונג און וועלן דערלעבן משיחן... (ווייסן זיי אפילו וואָס אַ פאַרקילונג איז?....). אָבער אַזוי ווי דער עולם גלייבט אין זיי, האָבן זיי געשאָכטן טאַנסלס: רעכטס און לינקס, אַז ווי נאָר ס'איז אַריינגעקומען איינער צו אַ דאָקטער, האָט ער אים געהייסן מאַכן: אַה! און באַלד מיט זיין חלף — כיק!...

הכלל, מע זאָל אָנשטעלן אַ קוואַדראַטנעם מייל מיט דאָקטוירים, וואָלט מען זיי געקענט פאַרשיטן מיט די טאַנסלס, וואו אפילו קיין האָר פון זייערע פּליכעוואַטע קעפּ זאָל זיך ניט אַרויסזען... אָבער דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן און זיי האָבן דערווייל פאַר יעדער שחיטה ביי די פּאַציענטן אין די קעשענעס געמאַכט די בדיקה... דערביי נאָך שעכטנדיק די טאַנסלס, האָבן זיי אָפּט אויך אַוועקגעשאָכטן זייערע באַלע־

באַטים, וואָס מע האָט זיי געדאַרפט אַרײנלײגן אין קאַסטנס און אַוועק־שיפטן אין גן־עדן אַרײן...

כאָטש מע איז ניט זיכער, אַז עס איז פונקט דאָס פאַרקערטע; אַז פריער, ווען אַ פאַרקילונג האָט געוואָלט אַרײַן אין אײנעם, האָט זי זיך פאַרטשעפּעט אין די טאַנסלס און האָט זיך געדאַרפט אַדורכשטופּן און, אַז אָן זיי, קען זי זיך אַרײנפליען אַזוי ווי אַ פויגעלע, גײען נאָך מאַנכע אָן, נאָר צוליב אַ פאַרדינסטל, מיט דער שחיטה פון די טאַנסלס... (אָן זײַכאַפּט מען דען ניט קײן פאַרקילונג? צווײ פונעם מחברס טעכ־טער קריגן זיי אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק...).

אפשר אײנער פון הונדערט איז אַ ערלעכער דאָקטער, וועלכער וויל באמת העלפן אַ קראַנקן, די אַלע איבעריקע, באַטראַכטן זייער דאָקטעריי ווי אַ מיטל אויף אָנצוזאַמלען פאַרמעגנס. ניט מער ווי אײנער האָט שוין אײנגעקאַסירט אַ מיליאָן און חתונה געהאַט פאַר אָן אַכצן־יאָרנדיקס, ווי אָן אַמאָליקער קעניג... און דאָס איז דער גרעסטער סקאַנדאַל! מע וואָלט זיי געדאַרפט אײנקאַסירן אין טורמע!

וועגן די פאַרברעכנס און די שווינדלערייען פון די היינטיקע מע־דיצינער איז דאָ אַ סך צו באַשרייבן. לעצטנס האָבן זיך געיאַוועט דאָק־טוירים־ספּעציאַליסטן, וואָס מאַכן צערעכט אײנעם נאָר אין אבר: אַ פוס, אַ האַנט, אַ נאָז, אָן אויער, איז אַזאַ חברה־מאַן הייסט זיך דער־פאַר באַצאָלן: אַזוי־נישקשהדיק! וואָס נאָך, אַז אײנער קומט אַרײַן צו אַ געוויינלעכן דאָקטער מיט אַ ניסט, שיקט ער אים גלײַך צום ספּע־ציאַליסט, ווען ער באַשעלעמט אָן אפּותיקו און דער וואָס אים גע־שיקט, קריגט ביי אים דערפאַר לאַפּקע־געלט... נו, אַ? ווי אַזוי מע זאָל דערפון ניט קלערן, איז ניטאָ קײן באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ מין שווינדל... טאָמער ווילט איר, האָבן זיך פאַיאַוועט סאָרטן־דאָקטוי־רים־פּסיכיאַטאָרס און אָסטעפּאַצערס; פּסיכיאַטאָרס נעמען זיך אונ־טער צו מאַכן פון משוגע קלאָר, נו, האָבן זיי שוין באַוויזן צו מאַכן די גאַנצע וועלט משוגע... און נאָך באַווייזן זיי צו מאַכן דערביי — די אמתדיקע פאַר־טאָלער... דאָס איז אַ מין שווינדל! עס איז אַ גרויסער חידוש, וואָס מע לאָזט זיי אָנגיין מיט אים! דאָקטוירים־אָס־טעפּאַטן זיינען גראָד נישקשה; אַז עס טוט אײנעם ווי אַ צאָן, נעמען זיי אים אויסרײַבן די פּלייצע און זיי העלפן אים טאַקע. הויפּטזעכלעך, ווערן ביי זיי געהאָלפן עלנטע פרויען: אלמנות, גרישות, בכלל, אײנ־זאַמע פרויען. ווען אַזאַ אײנע קומט אַרײַן צו אַ דאָקטער, אָן אָסטע־פּאַט און באַקלאָגט זיך פאַר אים, אַז עס טוט איר ווי אַ קני, איז נאָך דעם, וואו זי טוט זיך אויס און לייגט זיך אַוועק ביי אים אויפן דאָק־טער־בעטל, נעמט ער אויסרײַבן און אויסגלעטן אַדורך און דורך; ער רייבט און גלעט איר אויס די פּלייצע, די הענט, די פיס, ער רייבט און

גלעט איר אויס דעם בויך — יעדער אבר, ביז זי איז זיך טאַקע מחיה און זי ווערט געגעזן...

אַזוי איז צו זען, אַז צו האָבן אַ זון, א דאָקטער איז ניט אַזאַ גרויסער יחוס...

מיט זיין אַ ליגנער, אַ שווינדלער, אַ גנב, אַ רוצח, גיט מען ניט אָפּ קיין כבוד צו טאַטע־מאַמע. יעדער איינער פאַרשעלט זייערע פאָטערס און מוטערס געביין, וואָס זיי האָבן זיי געבראַכט אויף דער וועלט...

וואָס פאַראַ גרעסערן דרך־ארץ קינדער האָבן פאַר זייערע עלטערן, אַלץ בעסער און פיינערע מענטשן זיינען זיי; אַלץ מער גוטס ווען זיי ברענגען פאַר זייערע ארומיקע. און דערפאַר איז דער געבאָט פון אָפּצוגעבן כבוד רעם טאַטן מיט דער מאַמען אַזאַ וויכטיקער.

די איירישע היטן אָפּ דעם געבאָט פינקטלעך, היטן זיי אים אָפּ, דאַפיר, יאָ, דאַפיר, ניט דערפאַר... צייכנען זיי זיך אויס, ווי ס'איז וועגן זיי באַשריבן צום ערשטן...

קאַפּיטל ו.

„זאָלסט ניט הרגענען"

וואָס קאָן נאָך זיין ערגער ווי צו לעבן אין אַ וועלט, וואו מע הרגעט זיך איינס ס'אַנדערע? פאַרכּנדיק זיך פאַר לעבן, פאַרמאַכט מען זיך, מע פאַרקייטלט, מע פאַרריגלט, מע פאַרשליסט זיך בחדרי־חדרים; מע באַוועגט זיך ניט פריי; מע גייט שטענדיק אַרום אין פּחד; מע ווערט צערודערט, סיי גייסטיק, סיי פיזיש; סוף־כּל־סוף, באַקומט אַזאַ עקסיסטענץ אַ פּנים אַזוי ווי דער פון די מייז... אום געראַטעוועט צו ווערן פון אַזאַ מיזעראַבלער עקסיסטענץ, איז ביי די אייִרישע מיטן נאָמען פון זייער איין־און־איינציקן אַלמעכטיקן גאָט, פּראָקלאַמירט געוואָרן דער געבאָט: „זאָלסט ניט הרגענען!"

און דער געבאָט איז דער וואונדערלעכסטער! אַלע אַנדערע האָבן אים אָנערקענט. אָבער אים אָפּהיטן ווי עס באַדאַרף צו זיין, היט מען אים קיינער ניט אָפּ. נאָך אַלץ מאַכן מענטשן מלחמות צווישן זיך; פעל־קער באַפאַלן זיך איינס דאָס אַנדערע; מאָרדן זיך אויס; צעשטערן זיך די היימען און פאַרמעגנס; פאַרגוואַלטיקן מאַמעס און טעכטער; באַגייען איינס אויף ס'אַנדערע שרעקלעכע אכזריותן; אכזריותן, וואָס קיין שום ווילדע בעסטיעס באַגייען זיי ניט!

נאָך יעדער מלחמה, חוץ צעקיילטע, צעשטאָכענע, צעשאָסענע אויף טויט, בלייבן מאַסן קאַליקעס; מענטשן, אָן הענט, אָן פיס, אָן אויגן אָן אַנדערע אברים; פונעם זינען גערירטע, וועלכע מוטשען זייער לעבן אין צער און אין ווייטיק, נעבעך!

נאָך ביי היינט־צו־טאָג איז איין מענטש צום צווייטן אַ וואָלף, אַ שלאַנג, אַ וואַמפּיר, וואָס זוכט נאָר צו הרגענען, פאַרסאַמען, זייגן דאָס בלוט פונעם צווייטן...

אויב עס וועט אַמאָל קומען אַ טאָג, ווען אַלע וועלן נעמען אויס־פירן דאָס וואונדערלעכע געבאָט: „זאָלסט ניט הרגענען!" וואָס קען אויך מיינען: קיין בהמות, קיין חיות, קיין עפות, ווען דאַן מקיום ווערן די וואונדערלעכע וויזיעס פון די אייִרישע נביאים: וואו אַ וואָלף וועט וואוינען מיט אַ שעפּסעלע, אַ לעמפּערט וועט ליגן מיט אַ ציגעלע, אַ קעלעבעלע מיט אַ יינגן לייב באַנאַנדער, און אַ קליין יינגעלע וועט זיך פירן מיט זיי; און אַ קו מיט אַ בער וועלע זיך פאַשן צוזאַמען, און זייערע קינדער וועלן ליגן אינאיינעם און אַ לייב ווי דער אָקס וועט עסן שטרוי און אַ קינד פון דער ברוסט וועט זיך שפּילן מיט זיי!... און דאַן וועט הערשן איבער דער וועלט שלום און אַלע וועלן זיין גליק־לעך און פריי!...

קאַפּיטל ז.

„זאָלסט ניט מזנה זיין״

גרויס איז דער חשק ביי מאַן און פרוי „אין איינעם זיין״. דער חשק דערצו איז ביי זיי אַזוי שטאַרק, אַז ווען אַזאַ פּאָרל זוכן צו זיין באַנאַנדער און אויב עמיצער אָדער עפּעס איז זיי אין וועג, וועלן זיי לויפן אין עק וועלט, הינטער די הרי־חושך, וואו נאָר זיי וועלן געפונען אַן אָרט, ניט געשטערט צו ווערן פון „אין איינעם זיין.״

פאַראַן אָן אַ צאָל געשיכטעס פון גרויסע העלדישקייטן, פון גוואַל־טיקע גבורות, וואָס מענער און פרויען האָבן באַוויזן, אום צו דער־גרייכן זיך איינס דאָס אַנדערע.

סיי מענער, סיי פרויען האָבן זיך צוליב דעם געוואָרפן אין פייער, געשפּרונגען אין וואסער, געשטעלט פיס איבער בערג און איבער טאָלן, איבער ווילדענישן, איבער וויסטענישן; האָבן זיך געשלאָגן מיט לייבן, געבאָרעט מיט בערן, געראַנגלט מיט טיגערן, געשטריטן מיט וועלף, זיך געוויקלט מיט שלאַנגען, געקעמפט מיט אָקסן; זיך געקוילעט, געשטאָכן, געשאָסן, זיך אָנגעטאָן מיתות משונות; בייגע־שטאַנען די גערעסטע ניסיונות, דורכגעגאַנגען די שטאַרקסטע סכנות, אַבי נאָר זיי זאָלן „אין איינעם זיין.״

דער בעסטער בוך, וואָס די אידישע האָבן אַרויסגעבראַכט פאַר דער וועלט, איז אַדורכגעוועבט מיט געשיכטעס פון גרויסע העלדנטאַטן פון גוואַלטיקע גבורות, וואָס מאַנצבילן האָבן באַוויזן, צו באַזיצן זיי־ערע ווייבער.

חוץ אַנדערע, געפינט זיך אין ערשטן, פינפטל פון דעם בעסטן בוך (דער בוך איז אין פינף פינפטן, אויב איר ווייסט עס ניט...) די וואונדערלעכע געשיכטע פון די גרויסע העלדישקייטן און שטאַרקע גבורות, וואָס דער דריטער פון די אידישע אָבות האָט באַוויזן, אום צו געפעלן ווערן זיינער אַ פּלימעניצע, אַ פּאַסטושקע, אַ וואונ־ערלעך־שיינע פּאַסטושקע איז זי געווען!... נעמלעך, ער האָט אַראָפּגעקאַ־טשעט אַ שווערן שטיין פון אַ ברונעם, אויף אָנצוטרינקען אירע שאָף, וואָס קיין צוואַנציק אַנדערע וואָלטן אים אפילו ניט געקאָנט אַ ריר טאָן פונעם אָרט...

די געשיכטע ווי אַזוי ער איז געקומען דערצו איז זייער אַ דראַ־מאַטישע!

ווי זי ווערט דערציילט, האָט זיך דער ברונעם געפונען אויף אַ פעלד, ניט ווייט פון רינא, נעוואַדאַ... ער איז געלאָפן אַהינצו, פון

קאַליפאָרניע, זיך צו ראַטעווען פון זיין ברודער, וואָס האָט אים געזוכט צו דערהרגענען...

פאָרגעקומען איז צווישן זיי אַט־וואָס:

זיין טאַטע איז געווען דער זון פון אייב מק׳העברי, דער ערשטער פון די איירישע אָבות, וואָס האָט איינגעוואַנדערט פון רינאַ, נעוו., קיין קאַליפאָרניע צוליב די פריער באַשריבענע מאָטיוון. זיין מאַמע איז אויך געקומען פון דאָרט, פון דער אייגענער משפחה פון זיין זיידן אייב׳ן; זיינער אַ געטרייער משרת האָט איר אַריבערגעבראַכט פאַר זיין טאַטן, אייזיק, מק׳העברי, פאַר אַ ווייב; האָט זי אים אפילו שוין עטלעכע יאָר פון נאָך זייער חתונה געבוירן אַ צווילינג פון צוויי זכרים, פון וועלכע ער איז געווען דער צווייטער. איז כאָטש, וואָס זיי זיינען ביידע געווען אַ פּאָרל, זיינען זיי אָבער געוואָקסן מיט אַנדערע נאַטורן.

דער ערשטער האָט זיך באַלד אויסגעגעבן צו זיין אַ שייגעץ... אַ ווילדע בריאה; ער האָט ניט געוואָלט לערנען — ער איז תמיד אַרומגעלאָפן... עלטער ווערנדיק, פלעגט ער זיך יאָגן איבער פעל־דער, איבער וועלדער, וואו ער פלעגט מיט פייל און בויגן שיסן חיות, פייגלען, אויך מיט אַ שווערד מאַכן זיי דעם סוף, וועלכע ער האָט גע־בראַכט צו טאַסקען אַ היים. זיין היים, דאַרף מען וויסן, איז ניט געווען קיין פּראָסטע, נאָר אַ פריצישע; דער פאָטער זיינער איז דאָך געווען אַ גרויספירשט, אייב מק׳העבריס זון, מיט קנעכט און מיט דינסטן, מיט סטאַדעס שאָף און רינדער. און זיי ביידע זיינען געווען זיינע פרינצן — האָט מען דאָרט פון זיין פאַנג געפּראַוועט סעודות און זיין פאָטער, דער גרויספירשט, האָט פון זיי הנאה געהאַט און דערפאַר הפּנים פון אים געהאַלטן... אָבער אין דער אמתן, איז ער געווען אַ ווילדער מיט שלעכטע מידות...

דער, ווידער, איז געוואָקסן פונקט דער היפוך פון אים; ער איז שוין געווען אַ אינעווייניקסטער; ער האָט ניט ליב געהאַט אַרומצו־לויפן — פוסט און פּאַסעווען, נאָר תמיד איז ער געזעסן און זיך גע־גרונטעוועט אין די חכמות, וואָס מע האָט אים געלערנט... דערצו האָט ער, לויט עס גיט זיך איבער וועגן אים אין דעם בוך, פאַרמאָגט אַ גאונישן קאָפּ, איז ער אויפגעקומען אַ למדן, אַ חכם... דערביי — מיט שיינע מידות, וואו ער׳ט זיך באַנומען פיין און אידל — טאַקע ווי אַ ריכטיקער פרינץ! — געווען געראָטן אינגאַנצן אין זיין זיידן אייב׳ן... נו, האָט אים די מאַמע ליב געהאַט און האָט אים כסדר צו געזען מיטן עסן, מיט די אַנדערע הצתרכותן; האָט זיך שוין דערפאַר ביים ערשטן אַנטוויקלט אַ שנאה צו אים...

און אַזוי ווי ער איז געוואָקסן אַ יינגאַטש, — ווי געוויינטלעך יינגאַטשעס, האָט ער סיי־ווי־סיי ניט ליב געהאַט דעם ברודער דעם למדן... צו זאָגן: אַ יינגאַטש? — דערציילט זיך, אַז דער לעצטער

האָט פאַטראַוועט אַ געקעכץ פון לינדזן; אַ קאָפּ האָט ער פאַרמאָגט, האָט ער אים פאַטראַוועט, אַז ער האָט געשמעקט! און דעם בחורעץ, דעם ערשטן, וואָס איז געווען אַ זולל וסובאניק, וואָס פאַר אכילה וואָלט ער אַוועקגעגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, איז נאָך דאָ געווען הונ־געריק, האָט אים דער ריח פון דעם געקעכץ אַזוי פאַרשאַרפט דעם אַפּעטיט, אַז ער איז מישווה געוואָרן אָפּצוזאָגן זיך פאַרן טאָפּ לינדזן פון זיינעפּריווילעגיעס, וואָס זיינען אים געקומען אין דער פאַמיליע אַלס דער ערשטער פרינץ צו דעם קאָכער פון זיי, צו זיין צווילינג־ברודער... נו, האָט ער אים פאַרשטייט זיך דעם טאָפּ לינדזן אַוועקגעגעבן און דער האָט אים אויפגעגעסן. אויפגעגעסן? — אויפגעזויפט!...

ווי עס דערציילט זיך דערביי, אַז ער האָט דערנאָך חרטה געהאָט. אָבער עס איז דאָך שוין געווען פאַרפאַלן. נאָר דערווייל איז ביי אים די שנאה צום ברודער געוואָקסן...

דער פאָטער זייערער, דער גרויספירשט, איז געוואָרן אַלט און ער האָט שוין ניט געקאָנט זען; איז ער זיך מיישב און זאָגט צום ערשטן, ער זאָל גיין אויף יאַגד, ברענגען אַ געפאַנג, אויספראַוון פון זיינעט־וועגן זיינע באַליבטע מאַכלים און ער וועט אים דערפאַר בענטשן!

האָט עס די מאַמע געהערט, וואָס טוט זי? זי רעדט איין איר געליבטן זון, ער זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר זיין ברודער, קומען פאַרן טאַטן און נעמען ביי אים די ברכות...

טוט ער איר צוליב — לאָזט זיך אָנטאָן זיין ברודערס קליידער, וואו זי וויקלט אים אַרום די הענט און דעם האַלדז מיט ציגענע פעלעכלעך — ווייל דער ברודער זיינער איז געווען אַ האָריקער אַזוי ווי אַ חיה, און זי פאַרטיקט אים צו פאַרן טאַטן די מאכלים און איר צוליב, דער־לאַנגט ער זיי אים. און אַזוי ווי דער האָט שוין ניט געזען — נאָך דעם, וואו ער האָט אים באַטאַפּט, מיינט ער, אַז ער איז דער ערשטער און ער בענטשט אים מיט אַלע ברכות... אָבער ווי דער איז אַרויס, שטעלט זיך אַריין יענער מיט אַ היפּשן געפאַנג, פאַרטיקט אויס פאַרן טאַטן אַ פיינע סעודה, טראָגט זי אים אונטער און געפינט אויס פון זיין איבער דעם צעטומלטן טאַטן, וואָס דער ברודער זיינער האָט דאָ אָפּגעשפּילט...

ער איז שרעקלעך צערייט געוואָרן! אַז די מאַמע לערנט פון אים, אַז ער פּלאַנט צו דערהרגענען זיין ברודער!... און וויסנדיק, אַז ווען זי וועט צו אים רעדן, אַז ער איז אין דעם ניט שולדיק, אַז ער האָט עס געטאָן איר צוליב, וואָס ווען זי זאָגט עס אים, וואָלט עס אים נאָך מער צערייצט, הלמאי די מאַמע זאָרגט זיך פאַר זיין ברודער מער, האָט זי מיט אַן אַנטפאַלן האַרץ אַוועקגענומען איר געליבטן זון צו איר אין חדר, קושט אים, באַגיסט אים מיט טרערן, בעט אים, ער זאָל גלייך שטעלן פיס צו איר ברודער, זיין פעטער, אין רינאַ, נעוואַדאַ... און ביי אים פאַרווײלן ביז וואַנען סע וועט נאָכלאָזן דעם ברודערס כעס...

פאַרלאָזן די היים, די טאַטע־מאַמע, איז אים געווען אַ גרויסער נסיון. אָבער ער האָט דאָך געפאָלגט דער מאַמען, וואָס דערביי געשיקט זיך גאָרניט צו זאָגן, אַז ער האָט עס געטאָן אויס מורא פאַר זיין לעבן; וואָרעם, לויט עס גיט זיך איבער אין דעם גוטן בוך די געשיכטע פון אים, איז ער אַליין גאָרניט געווען קיין שיפע־זיבעלע; עס דערציילט אין בוך פון אים, אַז נאָך מיט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער פון דעם מאָמענט, האָט ער זיך געראַנגלט מיט אַ מלאך, יאָ, מיט אַ מלאך! — אַ גאַנצע נאַכט. ביז דער מלאך האָט זיך ביי אים אינדערפרי שוין געבעטן, ער זאָל אים אָפּלאָזן — אַוועקשיקן... אויב אַזוי, איז מער ווי זיכער, אַז ווען זיין ברודער הייבט אויף אַ האַנט אים צו דערהרגענען, וואָלט געשען פּונקט דאָס פאַרקערטע... עס איז באַשטימט אָנצונעמען, וואָס אַזוי ווי ער איז געווען אַ חכם מיט איידעלע מידות, וואָס, ווען עס זאָל קומען צווישן זיי צו אַ ברודער־מאָרד, וואָלט עס ביי אים געווען אַן אָפּשוילעכער טאָט, און דאָ ווי דער פאָטער זיינער האָט שוין אויך געוואָלט, ער זאָל אַוועק צום פעטער קיין רינאָ, האָט ער גענומען דעם וועג...

פון זיין היים, אין קאַליפאָרניע, ביז צו זיין פעטער, אין רינאָ, איז געווען אַ היבשער מהלך און ס׳איז נאָך דאַן פאַר אים דאָרט ניט געווען קיין באַנען און אוודאי ניט קיין עראָפּלאַנען, אפילו, אויך ניט קיין געשפּאַנען און ער איז געלאָפן מיט די פיס איבער אַ וועג, פול מיט זאַמד און מיט שטיינער, מיט חיות רעות מיט שלאַנגען און ווי אייביקע ווילן עס נאָך האָבן... איז אים נאָכגעלאָפן זיין ברודערס זון, זיין פלימעניקל, אליפאזקע, אים צו דערהרגענען... און עס איז געקומען ווי עס קוקט אויס פון דער געשיכטע צו ר׳ ל., פאַר אים אַ מאָמענט, וואו ער האָט זיך געפונען אויף אַן אָרט — פול מיט שטיינער מיט זאַמד ער האָט זיך געפילט דערשעפּט: די פיס זיינע זיינען אים געווען אונטערגעשלאָגן, צעקאַליעטשעט, אַז ער האָט שוין ניט געקאָנט אַ שפּאַן טאָן... דאָ איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט ער זיך דאָרט צווישן די שטיינער אַ געלעגער פאַרגלייכט. איין שטיין פון די שטיינער פאַר אַ צוקאָפּנס געמאַכט — אַ מידער מיט אַ געדריקטן געמיט לייגט ער זיך אַוועק...

דער הימל איז דאַן פאַר אים דאָרטן געווען לויטער, די שטערן האָבן געלייכט, די לבנה האָט געשיינט; ער מאַכט צו די אויגן און אוודאי נעמט זיך אים חלומען... און וואָס חלומט זיך אים?

ניט קיין זונות, ניט קיין פרעסערייען, ניט קיין משקאות; ניט קיין מערדערייען, חלילה, ווי דאָס וואָלט זיך געחלומט צו אַ רשע; ווייל, וואָס איינער טראַכט בייטאָג, חלומט זיך אים ביינאַכט... אַזוי חלומט זיך אים מלאכים און גאָט... —

סע ווייזט זיך אים אויס, אַז ער זעט אַ לייטער שטיין פון דער ערד ביזקעלע אין הימל און מלאכים קלעטערן איבער אים: אַרויף אויפן הימל און אַראָפּ פונעם הימל... פאַרוואָס מיט אַ לייטער? מלאכים האָבן דאָך פליגל, מיט וועלכע זיי קענען פליען אַרויף אויפן הימל און אַראָפּ פונעם הימל? און פאַרוואָס — פריער אַרויף דערנאָך אַראָפּ? על פי שכל, דאַרף עס דאָך זיין פאַרקערט? איז וואָס דער תירוץ אויף דער קשיא זאָל ניט זיין; די הויפּטזאַך דאָ איז, וואָס ער האָט אויך געזען אין חלום גאָט! — גאָט אַליין איז פונעם הימל אַראָפּגעקלעטערט אויפן לייטער און רעדט צו אים און טרייסט אים: ער זאָל ניט זיין פאַרצווייפלט און ער זאָגט אים צו פאַר זיין פיינקייט, פאַר זיין לייטיש־קייט אַ גליקלעכע צוקונפט, און ער פאַרזיכערט אים, אַז סע וועט אַרויסקומען פון אים אַ סך איירישע! איירישע, אַזוי ווי די זאַמד, אַזוי ווי דער פאָרעך אויף דער ערד...

אַ דערמוטיקטער פונעם חלום, לויט עס דערציילט זיך אין בוך זיין געשיכטע, נעמט אויף מאָרגן ווייטער דעם וועג צום מזרח־לאַנד און שטעלט אַזוי פיס, ביז ער קומט אויף אַ פעלד, וואו ער דערזעט אַ ברונעם, באַדעקט מיט אַ שווערן שטיין און אַרום — דריי פאַסטוכער מיט זייערע סטאַדעס־שאָף, וועלכע האָבן דאָרטן געוואַרט, סע זאָלן זיך אָנקלייבן נאָך פאַסטוכער, זיי זאָלן אין איינעם קענען אַראָפּהויבן דעם שטיין פונעם ברונעם און אָנטרינקען זייערע שאָף.

אָבער זיי האָבן שוין דאָס מאָל מער ניט געדאַרפט וואַרטן אויף די אַנדערע; ער קומט צו און אויף אַ ברידערלעכן אופן גריסט ער זיך צו זיי און בעטנדיק ביי זיי אינפאָרמאַציע, געפינט ער פון זיי אויס, אַז זיי זיינען פון רינאָ, נעוואַדאַ, און אַז זיי קאָנען גוט זיין פעטער פון וועלכן זיי גיבן אים אָפּ אַ פיינעם גרוס, אַז ער איז אויך, ווי מע זאָגט אויף אַזאַ היינט אין אַמעריקע, אַ רענטדזער — אַ צוכטלער — פאַרנעמט זיך מיט פאַסטוכעריי און אַזוי ווי ער רעדט מיט זיי, דערזעט ער ווי עס דערנענטערט זיך צו זיי אַ פאַסטושקע מיט אַ סטאַדע שאָף און ער גע־פינט אויס פון זיי, אַז זי איז זיין פעטערס אַ טאָכטער, זיינע אַ פלימעניצע! און אַזוי באַלד זעט ער אויך, אַז זי איז אַזאַ שיינע, אַ וואונדערלעך־שיינע פאַסטושקע! אַז זי איז מיט שוואַרצע גרויסע אויגן, מיט געגרויזטע האָר, מיט חן־גריבעלעך אין די באַקן, מיט אַזאַ זיסן ליבן שמייכל, שוין מיט היבשע אָפּגעבולטע בריסטן און ער ווערט פון איר חן און שיינקייט אַזוי איבערגעוועלטיקט, אַז ער באַווייזט אַ גוואַלטיקע גבורה — ער קאַטשעט אַליין אַראָפּ דעם שטיין פונעם ברונעם און טרינקט אָן אירע שאָף!... און ער איז אַזוי באַרוישט פון איר חן פון איר שיינקייט, אַז ער נעמט איר אַרום, קושט איר און האַלדזט איר און זאָגט איר ווער

און וואָס ער איז צו איר... און זי גפעלט אים אַזוי שטאַרק, אַז ער שקלאָפּט אָפּ ביי זיין פעטער פאַר איר — ער זאָל זי אים געבן פאַר אַ ווייב ניט אין וואָך, ניט אין חודש, ניט איין יאָר, נאָר גאַנצע פערצן יאָר...

די צרות, וואָס אַן איירישער גיבור האָט אָנגעטאָן צו די פּוילישע צוליב פּוילישע פּרויען...

ווען די ערשטע איירישע האָבן איינגעוואַנדערט קיין קאַליפאָרניע, האָבן זיי דאָרטן געטראָפן פאַרשיידענע פעלקער־גרופּעס, מיט וועלכע זיי האָבן געדאַרפט קומען אין קאָנטאַקט.

איינע פון די באַדייטנסטע, זיינען געווען די פּוילישע... מיט זיי האָבן די איירישע געהאַט צו טאָן מער ווי מיט די אַנדערע...

פאַן־אבימלך, דער קעניג זייערער, דעמאָלט, האָט זיך באַצויגן צום ערשטן פון זיי, צו איינ'ן מק'העברי, וואָס איז אַליין געווען אַ גרויסער פירשט מיט קנעכט מיט סטאַדעס־שאָף און רינדער, גאַנץ קאָרדיאַל. עס ווערט דערציילט, האָבן זיי אפילו געפראַוועט סעודות באַנאַנדער, וואו זיי האָבן זיך געשיינקט איינס ס'אַנדערע מתנות... אַזוי אויך: ניט ערגער האָט זיך פאַן־אבימלך באַנומען מיט זיין זון אייזיק מק'העברי.

דען האָט זיך געמאַכט אין קאַליפאָרניע אַ גרויסער הונגער און זייערע קינדער און קינדס־קינדער האָבן אויסגעוואַנדערט פון דאָרטן קיין מעקסיקאָ...

אין מעקסיקאָ האָבן דעמאָלט געהערשט — נישט צו זאָגן: די פּרעהנען, נאָר די „פּאַטראָנען"...

ביים אָנקומען אַהינצו זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן פונעם דעמאָלטיקן הערשער דאָרטן גאַנץ פריינדלעך. אָבער שפּעטערדיקע נעמען זיי פאַרפאָלגן — פאַרוואַנדלען זיי אין שקלאַפן וואו מע קאַטע־ וועט זיי ביי דער שווערסטער אַרבעט פון בויען פּאַלאַצן; אָבער ניט קוקנדיק וואָס זיי ווערן דאָרט אַזוי געפּייניקט, האָבן זיי זיך געמערט און געפּרוכפּערט און אין איניקע דורות זיינען זיי שוין געווען אין די צענדליקער־טויזנטער... דערשרעקט זיך פאַ רזיי דער טיראַן, אַז טאָמער אַ מלחמה, זאָלן זיי ניט צושטיין צום שונא און אים העלפן באַגראָבן זייערע באַדריקער, באַפעלט ער, מע זאָל זיי מאַכן אַרבעטן שווערער, מע זאָל זיי געבן ווייניקער עסן, כדי זיי זאָלן אַ סך אויס־ שטאַרבן, און ווייטער גיט ער אַרויס אַ גזירה, מע זאָל אַלע זייערע ניי־געבוירענע זכרים וואַרפן אין טייך אַריין — ער וויל איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיי אויסראָטן. הכלל, ס'איז זיי ביטער און פינצטער!...

פּאַסירט, אַז עס גיט זיך דאַן אויס ביי די מק'לויס דער גרעסטער חכם און נביא פון אַלע צייטן און אונטער זיין פירערשאַפט רייסן זיי

זיך אַרויס פון דער פינצטערער שקלאַפעריי אין מעקסיקאָ און נאָך טאַפטשענדיק זיך יאָרן איבער וויסטענישן, וואו זיי האָבן אויך גאָר קיין האַניק ניט געלעקט, דרינגען זיי זיך ווידער אַריין אין קאַליפאָרניע און קומען דאָרט ווייטער אין קאָנטאַקט מיט די פוילישע...

די פוילישע האָבן זיי דאָס מאָל ניט געזאָגט: סקאָצל קומט: זיי האָבן זיי ניט אויפגענומען ווי אַמאָל זייער קעניג, פאַן־אבימלך — די ערשטע איירישע, נאָר זיי זיינען אַרויס קעגן זיי מיט שווערדן און שפּיזן מיט פּיילן־בויגנס מיט אַנדערע כלי־זין, זיי צו פאַרטרייבן. אָבער די איירישע האָבן זיך דאַן פון זיי גאָר ניט געלאָזט שפּייען אין קאַשע: יעדנס מאָל, וואו זיי זיינען זיי באַפאַלן, האָבן די זיי דערלאַנגט צוריק אַ גאָב, וואָס איז זיי געבליבן צו געדענקען.

אָבער איינמאָל גיט זיך איין די פּוילישע צו צעשלאָגן די איירישע, וואו זיי האָבן אַ סך פון זיי אומגעבראַכט און אויף די פאַרבליבענע אַרויפגעלייגט אַ שטייער, וואו זיי האָבן זיי געדאַרפט אַוועקגעבן דעם לעצטן ביסן און עס איז זיי ווידער אַמאָל ביטער און פינצטער און זיי זיינען דערשלאָגן און קענען זיך אַליין גאָר ניט העלפן.

העלפט זיי אָבער גאָט, עס ווערט געבוירן דווקא ביי גאָר פּראָסטע טאַטע־מאַמע פון די מק׳דנס... אַן איין און איינציקער זון און ער וואַקסט אויס אַ געזונטער, אַ הויכער איירישער; אַ איירישער, א גבר! און ער פאַנגט אָן זיך אָנצונעמען פאַר זיינע איירישע ברידער קעגן די פוילישע! אַז טאָמער האָט ער געזען ווי אַ פּוילישער באַליידיקט, שלאָגט אַן איירישן, — אַ פּוילישער האָט זיך דאַן געקענט פאַרגינען שלאָגן, הרגענען אַן איירישן, ביי אים צונעמען ס׳ווייב, די טעכטער און טאָן מיט זיי וואָס עס האָט זיך אים געגלוסט... — איז ער צו און האָט אים מיט איין האַנט אָנגענומען ביים קאַרק און מיט דער אַנדערער אים דערלאַנגט אַזוי ווי מיט פּאַלאַן אין אַ פּילקע, אַ זעץ אין הינטן, אַז ער איז פאַרפלויגן אויב ניט קיין פּרס, איז קיין אונדוראַס...

בקיצור, די פוילישע האָבן אַ דאַנק אים אָנגעהויבן צו האָבן אַביסל דרך־ארץ פאַר די איירישע, וואו די לעצטע האָבן שוין אויך גענומען פון זייער געפאַלנקייט אויפהויבן דעם קאָפּ...

איז אָבער דערביי געווען מיט אים אַ גרויסע צרה;

ער האָט פיינט געהאַט און האָט באַגראָבן די פוילישע, אָבער ניט די פוילישקעס...

פוילישע שיקסעס האָט ער פאָרגעצויגן בעסער ווי זיינע איירישע... אים זיינען בעסער געפעלן די מאַריאַס און קאַטערינעס, די מאַשאַס און די אויוגוסטאַס ווי די מאַרים און די סערעס ווי די ראָזעס מאַרימס, שרהס, מאַרים־רייזלס און פייגעס... און אַזוי טאַקע פאַרליבט ער זיך צום ערשטן אין אַ פוילישער שיקסע... און וואָס טאַטע־מאַמע רעדן אים ניט קעגן דעם, גייט ער און האָט מיט איר חתונה...

אירע פוילישע טאַטע־מאַמע זיינען אויך גאָר ניט געווען צופרידן צו האָבן אַן איירישן פאַר אַן איידעם. בפרט נאָך אים, וואָס ער האָט שוין ביי דער חתונה אפילו צוליב אַ רעטעניש, וואָס ער האָט געפרעגט צו פוילישע, וואו ווייל זיי האָבן געהאַנדלט פאַלש, פאַרטיק געמאַכט אַ היבשע צאָל פון זיי, אוודאי ניט... און זיי ברויען ביי זייער טאָכטער אויף אים אַזוי לאַנג, ביז ווען ער איז אַ שטיקל צייט נישטאָ לעם איר, רעדן זיי איר איבער און געבן איר אַוועק פאַר אַ ווייב צו זיינעם אַ געוועזענעם גוטן ברודער...

ווען ער דערוויסט זיך דערפון, צינד זיך אין אים אָן דער צאָרן און ער גייט זיך אָפּרעכענען דערפאַר מיט אַלע פוילישע! וואָס טוט ער? ער כאַפּט דריי הונדערט פיקסן, בינדט זיי צונויף צי פאָר ביי זייערע ווידלען, אינעם קניפּ שטעקט ער אַריין שטאַרקאַטש צינדט אים אָן און לאָזט זיי לויפן... ס'איז דעמאָלט געווען שניט צייט, טראָגן זיי זיך איבער פעלדער און צינדן אונטער אַלע שוין אָנגעאויפטע תבואות און עס גייען אויף פון זיי פלאַמען ביזקל אין הימל...

די פוילישע, אויסגעפינענדיק ווער סע האָט עס געטאָן און פאַר וואָס, גייען זיי אויף, און פאַרברענען זיין ווייב מיט איר משפחה מיט זייער הויז מיט אַלץ פון זיי; באַפאַלט ער זיי דערפאַר און הרגעט אויס פון זיי אַ גרויסע צאָל; קומען דאָן פוילישע פאַר די איירישע מק'יהודהס און פאָדערן פון זיי, זיי זאָלן איבערגעבן דעם בחור צו זיי אין די הענט אַריין, אַז ניט וואָרנען זיי די מק'יהודהס, אַז זיי וועלן זיי אַלע אויסהרגענען! גייען אויף פון די איירישע מק'יהודהס אַ דריי טויזנט פאַר זייער גבור און האָבן צו אים טענות, הלמאי ברענגט ער אויף זיי אַן אומגליק און פאַרלאַנגען פון אים, אַז איידער די פוילישע זאָלן זיי אַלע פאַרטיליקן, זאָל ער זיך בעסער אַליין לאָזן איבערגעבן צו זיי... שטימט ער איין, נאָר זיי דאַרפן אים צו שווערן, אַז זיי וועלן אים אַליין גאָר ניט טאָן... און ער הייסט זיי נאָך, אים בינדן מיט נייע שטריק און זיי וויקלען אים אַרום מיט די שטריק זייער פעסט און זיי פירן אים צו זיי...

ווען די פוילישע האָבן אים דערזען, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אויף אים. אָבער ער גיט אַ צענעם זיינע שטאַרקע הענט און פיס און די נייע שטריק צעפאַלן זיך אויף אים אַזוי ווי איבערגעברענטע שטרוי, און אַזוי קריגט ער אין האַנט אייזל־שטאָקע און נעמט באַגראָבן די פוילישע רעכטס און לינקס און מאַכט פאַרטיק פון זיי אַ טויזנט און די איבעריקע האָבן געשטעלט פיס וואוהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן...

נאָך צייט אים אַלץ צו פאַרברענגען מיט פוילישע זונות... קומט ער ביינאַכט אין אַ שטאָט, וואָס איז געווען פול מיט זיי...

דערוויסן זיך דערפון די פוילישע הויפּלינגס און רינגלען אַרום

דעם מויער פון דער שטאָט, ער זאָל ניט קענען אַרויס — ווילן אים דאָרטן כאַפּן...

נעמט ער אין מיטנגאַכט די צווײ טירן פונעם טויער פונעם אַרײנגאַנג ביי זייערע זייטיקע סטאָלבעס און רייסט זיי אַרויס, רוקט זיי אַרויף אויף זיינע אַקסלען און שפּאַנט זיך אַוועק מיט זיי אויפן שפּיץ פון אַ באַרג דאָרטן.

אָבער, נאָך קייעט ער זיך ניט און ווען ער דערזעעט אין אַן אַנדער שטאָט אַ שיינע פּוילישע זונה, פאַרליבט ער זיך אין איר איבער די אויערן און ער ליגט איבער ביי איר טעג מיט נעכט. לערנען דערפון די עלסטע פון די פּוילישע און פאַר אַ גוטן פּרייז פאַרראַט זי אים צו זיי, זי פאַרשלעפּערט אים אויף אירע קני און ער פאַלט אַריין צו זיי אין די הענט און זיי שטעכן אים אויס די אויגן, פירן אים צו זייערער אַ גרעסערער שטאָט, שמידן אים דאָרט אין קופּערנע קייטן, וואַרפן אים אַריין אין דער תפיסה, וואו מע קאַטעוועט אים כסדר צו רייבן פון קערנער מעל מיט די מעלשטיינער...

און סע פאַרזאַמלען זיך דאָרט די גאַנצע פּוילישע שליאַכטע מיט אַ גרויסן המון אין טעמפּל פון זייער גאָט און זיי זיינען מקריב צו אים קרבנות, וואָס ער האָט זיי געהאָלפן זייער שונא זאָל אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט און זיי יובלען טאַנצן און זינגען און מע פירט אים אַרויס פון דער תפיסה ביי די קייטן אַזוי ווי אַ בער מיט די אויסגעשטאָכענע אויגן... — מאַכן פון אים חוזק, שטעכן אים מיט נודלען, צווינגען אים צו טאַנצן און זיי יובלען מיט גרויס פרייד... דערטאַפּט ער בלינ־דערהייט אַ פּאָר פון די מיטלסטע זיילן פונעם טעמפּל, הויבט אויף זיינע אויסגעשטאָכענע אויגן צו זיין גאָט און זאָגט: גאָט, דערמאָן זיך אין מיר, איך בעט דיר, שטאַרק מיר נאָך דאָס מאָל, און כ׳וועל זיך נוקם זיין כאָטש פאַר איינס פון מיינע אויגן אין די פּוילישע!... און אַזוי קלעמט אַרום די צווײ מיטלסטע זיילן פונעם טעמפּל: איינע מיט דער רעכטער האַנט, די צווייטע מיט דער לינקער און רופט אויס:

זאָל איך שטאַרבן מיט די פּוילישע אין איינעם! און מיט זיין לעצטער קראַפט גיט ער זיי אַ בויג און דער טעמפּל קראַכט און די גאַנצע פּוילישע שליאַכטע מיטן המון מיט אים קומען אום...

די העלדנטאַטן פונעם ערשטן קעניג פון דער צווייטער דינאַסטיע איבער די אײרישע...

פאַראַן אינעם בוך פון די ביכער נאָך געשיכטעס, העכסט דראַ־מאַטישע, זאָגער קאָמישע פון גרויסע העלדנטאַטן און גבורות, וואָס דער ערשטער קעניג פון דער צווייטער דינאַסטיע פון איבער די

איירישע האָט באַוויזן, אום צו קריגן פאַר זיך אַ פּרינצעסן פונעם קעניג, וואָס האָט געהערשט איבער זיי פאַר אים.

וואָסערע העלדנטאָטן?

ווי שוין דערציילט, זיינען די איירישע, קומענדיק צוריק פון מעקסיקאָ קיין קאַליפאָרניע, ניט אויפגענומען געוואָרן דאָרט פון די פּוילישע: בסבר פנים יפות, נאָר מיט מלחמות, מיט באַפאַלן זיי אַלעמאָל, זיי אומצוברענגען און פאַרטרייבן.

פאַר דער צייט פונעם ערשטן איירישן קעניג, חוץ שוין ניט איינמאָל פריערט, גייען זיי ווידער אַרויס אין אַ מלחמה מיט די איירישע. מע שלאָגט זיך און מע שלאָגט זיך; מע שטעכט זיך און מע שטעכט זיך; מע קיילעט זיך און מע קיילעט זיך; מע שיסט זיך און מע שיסט זיך; און קיינער פון זיי געווינט ניט...

די מלחמה ביי זיי איז אָנגעגאַנגען אויף אַן אָרט פון אַ טאָל, צווישן בערג, וואו די פּוילישע האָבן מלחמה געהאַלטן פון אונטער איינעם, די איירישע — פון אונטער אַ צווייטן, אַן אַנטקעגנגעזעצטן.

אַ טאָג נעמט אַראָפּשפּאַנען פונעם באַרג, וואָס אַנטקעגן דעם, אונטער וועלכן עס זיינען די איירישע, אַ הויכער, אַ גרויסער פּוילישער, אַ פּוילישער — אַ גאָג־מאַגאָג (גוג ומגוג) אַ גיגאַנט, אַ גבר, באַפּאַנצערט פונעם קאָפּ ביזקל די פּיס, מיט איינעם, וואָס טראָגט אים נאָך די כלי־זין! — קומט צו גאָר נאָענט פון די איירישע און שרייט אויס: עיי, איירישע, וואָס דאַרפן מיר זיך אַלע שלאָגן?! שיקט אַרויס איינעם, אייערן קעגן מיר און מירן זיך ביידע נעמען הרגענען, ווער וועמען עס וועט אַוועקלייגן, צו דעמס צד זאָל זיך דער צווייטער אונטערגעבן!...

געפינט זיך ניט ביי די איירישע קיין איינער, וואָס זאָל זיך ניט מורא האָבן איינצושטעלן אים אַרויסצוגיין אַנטקעגן — ניט מורא האָבן אַזוי פאַרן אייגענעם לעבן, ווי פאַרן נעמען אויף זיך די אחריות פון אַלע זיינע איירישע ברידער, וואָס טאָמער פאַרלירט ער, וועלן זיי דאָך זיך דאַרפן צו דעם געווינערס צד אונטערגעבן?!

אָבער דער פּוילישער גבר קומט אַרויס אַזוי אַ משך פון פערציק טעג, קאָכט זיך און מאַכט חוזק פון די איירישע, וואָס קיינער פון זיי שטעלט זיך ניט אַרויס קעגן אים און די איירישע פילן זיך טאַקע פאַרשעמט און דערשלאָגן...

קומט צום מלחמה־פראָנט אַן איירישער באָכטיק, וואָס ברענגט עסנס־מתנות פון זיין טאַטן צו דריי פון זיינע עלטערע ברידער, וועלכע באַטייליקן זיך אין דער מלחמה קעגן די פּוילישע, ווי אויך אַזוינע מתנות צו זייער קאַפּיטאַן און ער זעט די סצענע פון דעם גיגאַנטישן פּוילישן, ווי ער קייכט זיך און מאַכט חוזק פון די איירישע און ווי אַזוי די לעצטע קוקן אויס דערפון דערדריקט... אַנטלויפט אים אַזש דאָס

בלוט פונעם פּנים! דערבײַ הערט ער, װי זײַנע אײרישע רעדן, אַז װער פון זײ װעט זיך אַרױסשטעלן קעגן דעם פּױלישן און אים אָװעקלײגן, דעם װעט זײער קעניג אַװעקגעבן זײַנע אַ פּרינצעסן פאַר אַ װײַב... װערט עס אים נאָך מער פאַרדראָסיק און ער גײט פאַר פאַר די עלצטע פון די אײרישע און זאָגט זײ, אַז ער װיל זיך אַרױסשטעלן קעגן אים!...

זײַנע דרײַ ברידער האָבן אים אָװעקגעטריבן און זיך געכעסט אױף אים, הלמאי ער, נאָך אַזאַ שנעק, האָט אַזאַ העזה, און זײ שרײַען אױף אים, ער זאָל בעסער גײן אַ הײם און אַכטונג געבן אױף דעם טאַטנס טשערדעס!... יאָ, אַ פּאַסטוך איז ער געװען בײַם טאַטן! ער װערט אָבער פאַרגעפירט פאַרן קעניג פון די אײרישע און ער זאָגט אים, אַז ער װיל גײן אױפן פּױלישן גבר, דערבײַ גיט ער אים איבער, װי אַזױ ער האָט שױן ניט אײנמאָל אַרױסגענומען אַ שעפּסעלע פונעם מױל פון אַ לײב, פון אַ בער, װאָס האָבן עס אָװעקגערױבט פון זײַן סטאַדע, בעת ער האָט זײ געהיט. און װײַזט אים דאָ װי אַזױ ער האָט זײ מיט זײַנע שטאַרקע הענט אָנגעכאַפּט פאַר זײערע מאָרדעס און זײ צעריסן אױף צװײען און ער פאַרזיכערט אים, אַז ער װעט, מיט גאָטס הילף, מיט דעם פּױלישן אױך באַװײַזן די קונץ!...

באַטראַכט אים דער קעניג און אױף זײַן באַפעל טוט מען אים אָן זײַן מונדיר מיט זײַנע כלי־זין און ער שפּאַנט אַװעק צום מלחמה־פראָנט!...

אָבער ער פילט זיך ניט באַקװעם אין דעם מונדיר און װאַרפט אים אַראָפּ פון זיך און װאָס טוט ער? ער האָט געקענט שיסן אױסגעצײכנט שטײנדלעך מיט זײַן שלײדער־שטעקל; ער פלעגט תמיד טרעפן אין ציל, נעמט ער זײַן שלײדער־שטעקל, שטאַרקט אײַן בײ די שפּיצן דעם רימען; גײט אַראָפּ צום טײַך, קלײַבט אױס פינף גלאַטע פאַסיקע שטײנדלעך, לײגט זײ אַרײַן אין טאָרבעלע בײ דער זײט, אין װעלכן ער פלעגט טראָגן דאָס עסן בײַם פּאַשען און ער שטעלט פּיס צו דעם מלחמה־פראָנט. און װען דער פּױלישער גבור באַװײַזט זיך, נעמט ער אים שפּאַנען אַנטקעגן! װען יענער דערזעט, װער עס גײט אים אַנט־קעגן, קײַכט ער זיך אײַן דרײען... און אַזױ װי דער האָט געטראָגן דאָס שלײדער־שטעקל, שרײַט ער צו אים: עײ, װאָס, אַ הונט בין איך, װאָס דו גײסט צו מיר מיט אַ שטעקל?!... אָבער דער באַקומט אַרױס פונעם טאָרבעלע אַ גוט שטײנדל לײגט עס אַרײַן אין דערמיט פון דעם רימען, פאַרציט, אַז דאָס שלײדער־שטעקל קריגט אַזש אַ פּנים פון אַ האַלבער רײף און גיט עס אַזױ אַ לאָז אָפּ! און ער טרעפט אים גלײך אין שטערן אַרײַן און עס זינקט אים אײַן טיף אין קאָפּ און ער ציט זיך גלײך אױס!...

אַזױ שיסט ער אים אַרײַן נאָך אַ שטײנדל און נאָך אײנס און ער

לויפּט צו צו אים שטעלט זיך אַוועק אויף אים מיט אַ פּוס, ציט אַרויס ביי אים זיין שווערד, דערענדיקט אים מיט איר, מיט זיינע כלי זיינס שפּאַנט ער צוריק...

און אַז די פּוילישע האָבן עס דערזען, האָבן זיי גענומען ציען פּיס, און די איירישע נאָך זיי, און האָבן פון זיי אַוועקגעפּאַטערט אַ היבשע צאָל.

און דער אויבער־קאָמאַנדיר פונעם איירישן חיל ברענגט דעם העלד מיט אַלץ וואָס ערט געטראָגן פונעם פּוילישן גבר פאַרן קעניג פון די איירישע; דערביי, וויי, וויי, ביי אַלע איירישע — אַ גדולה, אַ שמחה, אַ פרייד: בחורים מיט באָבעס, מיידלעך מיט זיידעס טאַנצן אין די גאַסן און זיי זינגען און לויבן דעם גרויסן העלד!... און אַז דער קעניג גיט אויף אים אַזוי אַ קוק, גיט אים אַ קלאַפּ אין האַרצן און עס ווייזט זיך אים גלייך אויס, אַז מע וועט זיי דאָ פונעם איירישן פאָלק גיין זעצן... עס הייסט: אים פונעם טראָן אַראָפּזעצן און דעם אויף אים אַרויפזעצן... און קלערט שוין ווי אַזוי פון אים פּטור צו ווערן...

דער קעניג איז שוין אַ צייט געווען ניט מיט אַלעמען — ער פלעגט אָפּט פאַרזונקען ווערן אין אַ טיפער מרה־שחורה; און דער בחור, דער העלד, האָט אויך געשפּילט זייער גוט אויף אַן אַרף; האָט מען אים נאַרייעט צום קעניג, ער זאָל שפּילן פאַר אים, צו פאַרטרייבן פון אים זיין מעלאַנכאָליע; האָט דער לעצטער אַ פאָר מאָל, בעת ערט געשפּילט פאַר אים, אַ וואָרף געטאָן אויף אים זיין שפּיז!... דער האָט זיך אָבער ביידע מאָל אַוועקגעדרייט און די שפּיז איז אַריין אין דער וואַנט...

ווי דערציילט, האָט דער קעניג פאַרשפּראָכן אַוועקצוגעבן זיין ערשטע פּרינצעסן צו דעם, וואָס וועט באַזיגן דעם פּוילישן גבור פאַר אַ ווייב. ער האָט אָבער זיין פאַרשפּרעכן ניט געהאַלטן און איר חתונה געמאַכט פאַר אַן אַנדערן... אַצינד, וועלנדיק פון אים פּטור ווערן באַקלערט ער אַ פּלאַן. — ער לאָזט אים וויסן: אַזוי ווי ער קען אים שוין ניט געבן די ערשטע פּרינצעסן, וועט ער געבן די צווייטע, וועלכע איז נאָך געווען אַ סך אַ שענערע, נאָר וואָדען? ער וויל ביי אים פאַר איר נאָך אַ געוויסן נדן. וואָס איז דער נדן?... ער זאָל אים ברענגען הונדערט ערלות פון די פּוילישע...

די פּוילישע זיינען געווען ניט קיין געמלטע, איז זיין חשבון געווען, אַז ער וועט עס ניט קענען באַווייזן, אַז זיי וועלן אים פריערט פאַרטיק מאַכן און ער וועט שוין פאַרשפּאָרן פאַר אים מורא האָבן...

הערט ער אים אויס מיט זיין פאַרלאַנג און ער שטימט איין, און נעמט מיט זיך זיינע מענטשן און ברענגט אים צוויי הונדערט!...

װי אַזױ האָט ער זײ אים דערלאַנגט? װי אַזױ ער האָט אים שױן דערלאַנגט דעם נדן, די שײנע פּרינצעסן האָט ער פאַר זײנע העלדישקײטן געקראָגן פאַר אַ װײַב!...

דער זעלביקער העלד, מיט יאָרן שפּעטער, װען ער איז שױן טאַקע געװען קעניג איבער די אײרישע, װי יענעם האָט געזאָגט דאָס האַרץ, איז צוליב אַ פרױ באַגאַנגען אַ געפערלעכן פאַרברעכן, אָפּגעטאָן אַ גרױסענע עבירה.

לױט סע איז באַשריבן איבער אים אינעם בוך פון די ביכער, איז ער געװען אַ בראַװער און האָט פאַרמאָגט שטאַרקע געפילן פאַר יושר, פאַר אמת, אַרױסװײזנדיק זיך דערבײ פאַר אַ טיפן דענקער, פאַר אַ גרױסן פּאָעט. פאַר אַ גרױסן פּאָעט? — די מערסטע פון די מזמורים, פון די למנצחס די שירי המעלות, אַנדערע פּרעכטיקע דיכטונגען פונעם װאונדערלעכן תהלים װערט צוגעשריבן צו אים; אויב עס איז ריכטיק, אַז ער האָט זײ אַרױסגעבראַכט, איז ער געװען סאַמע דער גרעסטער פּאָעט!

האָט פּאַסירט, ערט געפירט אַ מלחמה פון די אײרישע קעגן זײער אַ שונא פאָלק; די מלחמה איז געװען זײער אַ שװערע; דאָס אײרישע חיל האָט שױן דװקא געהאַט אַרומגערינגלט דעם שונאס הױפּטשטאָט; זי איז אָבער געװען באַפעסטיקט מיט אַ שטאַרקן מױער און די אינע־װײניקסטע האָבן געשטריטן פאַר זײער שטאָט און פאַר זײער לעבן, אָפּשלאָגנדיק יעדע אַטאַקע.

אַ טאָג, דער קעניג, אַ פאַרזאָרגטער מסתמא װעגן דער מלחמה, גײט אַרױף אױפן פלאַך פונעם דאַך פון זײן קעניגלעכער הױז פאַר אַביסל דין וחשבון פון דער לאַגע, אַזױ דערזעט פון דערװײטנס אַ װאונדערלעך שײנע פרױ כמעט אַ נאַקעטע (יעדנפאַלס, האָט זי זיך אים פון דערװײטנס אַזױ אױסגעװיזן...) װעלכע האָט זיך געהאַט אײנגעװאַשן... װערט ער פאַרכאַפּט פון אַ שטאַרקן חשק צו זײן מיט איר, אַז ער קען אים גאָר ניט גובר זײן און װי אַ קעניג בײ יענער צײט, שיקט ער קנעכט און זײ ברענגען זי צו אים.

די פרױ איז געװען דאָס װײַב פון זײנעם אַ הױכראַנגיקן סאָלדאַט, װעלכער האָט געקעמפט מיט אים אין שלאַכטן מיט זײנע שונאים און האָט אים אַרױסגעװיזן גרױס געטרײשאַפט, װאַרפנדיק זיך פאַר אים צו יעדער מאָמענט אין דער גרעסטער סכנה. אױך דעם מאָל האָט ער

זיך געפונען אויפן שלאַכטפעלד מיט די אײרישע חיילות קעגן זייער שונא, וואָס דער קעניג האָט עס גוט געוואוסט.

אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי ער איז מיט איר געלעגן, לאָזט זי אים וויסן, אַז זי איז מבֿעוברת... וויל דער קעניג פאַר לייטן פאַרגלעטן די עבֿירה... וואָס־זשע טוט ער? ער לאָזט וויסן דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון זיין חיל, ער זאָל אים צושטעלן אַ באַריכט פון דער מלחמה מיט דעם סאָלדאַט, מיט דעם מאַן פון דער פרוי.

אָפּנעמענדיק ביי אים דעם באַריכט, זאָגט ער אים ער זאָל גיין אַהיים און זאָל די נאַכט פאַרברענגען מיט זיין ווייב...

אָבער דער סאָלדאַט איז אַ גרויסער פּאַטריאָט און ער ענטפערט אים, אַז ער קען זיך ניט דערלויבן צו געניסן פאַרגעניגנס, אין דער צייט, ווען דאָס גאַנצע אײרישע חיל געפינט זיך אין אַ בלוטיקער שלאַכט מיטן שונא. און וואָס ער רעדט ניט צו אים, בלייבט ער נעכטיקן ביי אים ביים קעניג אין הויף... און ווי זאָגט מען: עבֿירה גוררת עבֿירה: איין חטא ברענגט צום צווייטן. — וואָס טוט דער קעניג? אויף מאָרגן דערלאַנגט ער אים אַ בריוו, וועלכן ער הייסט אים איבער־געבן דעם הויפּטקאָמאַנדיר פון זיין חיל אויף דעם מלחמה פעלד. און אין דעם בריוו שטייט געשריבן, ער זאָל דעם סאָלדאַט אַרויסשטעלן אויף דעם געפערלעכסטן אָרט פון דער מלחמה, כדי ער זאָל דערהרגעט ווערן...

פאַרשטייט זיך, פירט דער גענעראַל אַדורך דעם קעניגס פאַרלאַנג און ער שיקט אים אַרויס אויף דעם סכנהדיקן פונקט און עס טרעפן אים שטיינער, פיילן און שפּיזן און ער פאַלט... דאַן נעמט דער קעניג צו זיין ווייב, נאָכדעם, ווי זי האָט איר מאַן באַוויינט, אינגאַנצן, פאַר זיך...

עס דערציילט זיך אפילו דערביי, אַז ער איז פאַר דעם פאַרברעכן שווער באַשטראָפט געוואָרן, אַז זיין אייגענער זון האָט אים אַראָפּגעזעצט פונעם טראָן, און ער האָט געדאַרפט אַנטלויפן פון זיין הויפּטשטאָט, וואו יענער האָט נאָכער אָפן פאַרן פאָלק אין די אויגן געשענדעט צען פון זיינע קעפסווייבער... אָבער ווי אַזוי ער זאָל שוין ניט געוועזן האָבן באַשטראָפט געוואָרן, דאָס מערקווירדיקסטע — וואָס אַזאַ מאַן מיט אַזאַ כאַראַקטער און טיפער דענקער, האָט געקאָנט פאַרפירט ווערן פונעם חשק צו אַ פרוי אויף צו באַגיין אַזאַ גרויסן פאַרברעכן!...

אויסער אין בעסטן בוך, זיינען פאַראַן אַן אַ צאָל אַנדערע מיט געשיכטעס פון גרויסע דראַמאַטישע טראַגעדיעס, וואָס האָבן זיך אָפּ־געשפּיגלט איבערן גלוסט פון אַ מאַן מיט אַ פרוי „אין איינעם זיין" דעם גלוסט רופט מען ביי די אײרישע היינטיקע צייטן: יצר־הרע...

גאַנצע פעלקער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, לענדער זיינען חרוב ונחרב געוואָרן איבערן יצר־הרע — איבער דער גלוסטיקייט פון צווישן מאַן און פרוי. ווער עס איז געלערנט, באַלייענט, ווייסט מסתמא פון דער וואונדערלעכער פּאָעמע — די אילאַד פון האָמער פון דעם אַלט גריכישן פּאָעט איבער דעם טראַגישן שיקזאַל פון דער שטאָט, טרוי, ווי אַזוי זי איז צעשטערט געוואָרן און אירע איינוואוינער זיינען סוף־כל־סוף אויסגעהרגעט געוואָרן איבער דעם, וואָס פּאַריז, דער זון פון זייער קעניג פּריאַם, האָט זיך פאַרליבט אין דער וואונדערלעך־שיינער העלענאַ, דאָס ווייב פון מענעלוס, דער קעניג פון ספּאַרטאַ און האָט זי ביי אים אַוועקגערויבט. (געקידנעפּט, ווי מע זאָגט עס אין אַמעריקע...).

לויט אַ ווערטל פון די פראַנצויזן, דאַרף מען אין דער אורזאַך פון יעדער מלחמה זוכן דעם יצר־הרע... פאַרן לעצטן דור האָבן זיך געיאַוועט למדנים פון דער „ישיבה" מיט „מרא־דאתרא" זיגמונד פרויד, וועלכע פּלפּולען אויס, אַז אַלע מענטשישע האַנדלונגען און באַנעמונגען ווערן באַאיינפלוסט פון דעם יצר־הרע... ווערליק זיי ברייען עס אויס, איז אַ שטיקל אמת יאָ פאַראַן אין זייער תורה. ביי היינט־צו־טאָג שיסן זיך, שטעכן זיך, הענגען זיך, טוען זיך אָן כלערליי מיתות משונות אַ סך מענטשן איבער „אים"... איבערן יצר־הרע.

די עבודה־זרה פון זנות

אַמאָל האָבן מענטשן אויך געהאַט אַ גאָטיכע פון דער גלוסטונג פון צווישן מאַן און פרוי.

די עבודה־זרה צו דער גאָטיכע איז באַשטאַנען, וואָס די גלויבער אין איר, מענער און פרויען, פלעגן זיך צונויפקומען אין אירע טעמפּ־לען, אין ערטער מיט איר אָפּבילד און זיך ניט שאָקלען פאַר איר: ברוך־אתה, ברוך־אתה, ווי אויך ניט שפּרינגען פאַר איר: קדוש, קדוש, נאָר זיי פלעגן פאַר אירטוועגן איינס מיט דאָס אַנדערע מזנה זיין...

וואָס איינער איז געווען פאַר אַ גרעסערער צדיק, וואָס איינע איז געווען פאַראַ גרעסערע צדיקת, אַלץ בעסער האָבן זיי מקיים געווען די מצוה. זיי פלעגן אין מקומות אַדורכפירן פון אריעטוועגן זנות־אָרגיעס אויפזעכלעך, די פּריסטער פלעגן זיך צעטאַנצן, זיך דרייען מיט זייערע קערפּערס אין אומגעלומפּערטע זנות־הויות ביז זיי האָבן זיך אַזוי צעיאכמעט, אַז זיי פלעגן זיך מיט שאַרפע מעסערס מהרם זיין פון אירעטוועגן... אין מקומות האָבן אירע דינער מקריב געווען צו איר מענטשלעכע קרבנות.

און די עבודה־זרה פון זנות האָט געטויגט פאַר די מענטשן גוט אויף כפרות; דאָס פאַרקערן זיך פון מאַן און פרוי איז דאָך ניט בלויז צוליבן פאַרגעניגן, צוליב אַ העכערן צוועק — עס זאָל פון זיי אַרויס־

קומען דער צווייטער דור. ווער עס האָט עס ניט געזען, אָבער ראובן און שמעון און אויך לוי, דער מחבר... האָבן עס שוין יאָ געזען, וואו נאָכן צונויפקומען זיך פון מאַן און פרוי, הויבט ביי דער לעצטער אָן עפּעס וואַקסן. עס וואַקסט און עס וואַקסט און ווערט העכער און העכער, אַזוי אַ משך פון קנאַפּע ניין מאָנאַטן ביז צו צום סוף ווערט זי צעשפּאָלטן און עס קומען אַרויס פון איר אַ זכר אָדער אַ נקבה...

וויבאַלד אַזוי, זיינען דאָך די וואָס האָבן עס גורם געווען מחויב צו זען, אַז זיי זאָלן זיין נוצלעך און וויכטיק סיי פאַר זיך אַליין, סיי פאַר אַנדערע. ווי למשל, אויב ס׳איז אַ זכר זאָל ער זיין אַ רב, ווייל אַ רב איז זייער אַ נוצלעכער מענטש: איינמאָל פּסקענט ער שאלות און הויפּטזעכלעך, גיט ער חופה וקידושין. אויך זיצט ער אָפט אין אַ בית־דין פון שלום וצדק און טיילט אויס פאַר אַנדערע יושר, וואָס זיינען זייער וויכטיקע פונקציעס. אויב ניט קיין רב — לכל הפחות — אַ סטאָליער! אָן אַ סטאָליער, וואָלטן מיר דאָך אַלע געשלאָפן אין דרויסן, אויף דער ערד. אָבער קיינער קומט ניט אַרויס פון דער מאַמעס בויך, פאַרטיק צו פּסקענען שאלות און מסדר קידושין צו זיין, ווי אויך ניט קיין אויסגע־לערנטער סטאָליער מיט אַ קאַסטן געצייג, ער זאָל זיך שוין קענען שטעלן זעגן און האַמערן...

די וועלכע קומען יאָ אַרויס פאַרטיקע, זיינען עס סאָלדאַטן און גבירים; — אפילו אַליין ניט געזען, אָבער געהערט זאָגן דער מאַמען, ע״ה ניט איינמאָל, אַז אַ סאָלדאַט ווערט אפילו געבוירן מיט אַ שינעל — סאָלדאַטסקן מאַנטל... אַ גביר — מיט אַ זיידן העמדעלע... אָבער איינער זאָל ווערן אַ רב, זאָגאַר אַ סטאָלער, דאַרף מען זיך פריער מיט אים לאַנג ניאַנטשען און קאַניוטשן. און ווער דאַרף עס טאָן? טאַטע־מאַמע פאַרשטייט זיך, וואָס האָבן זיי אַרויסגעברענגט. דען איז עס פאַר זיי גאָר ניט קיין לייכטע אויפגאַבע און זיי מוזן האָבן הילף. צו מאַכן איינעם פאַר אַ רב — מלמדים, ראשי ישיבות, פאַר אַ סטאָליער — געשולטן מייסטער און מיט אַזוינע העלפער, טרעפט אָפט, וואו אידער רבנים, קומען זיי אַרויס בעלי־עגלות, טרעגערס...

טאָמער צוליב אַ געוויסע סיבה פאַלט דאָס ערציען פון די קינדער נאָר אויף דער מאַמען אַליין, וואַקסן זיי אויס נאָך ערגערע פון בעלי עגלות פון טרעגערס — געמיינע לאָבוסעס זהלל וסובאַניקעס, מה־יעשה־ניקעס... ס׳איז העכסט וויכטיק, קינדער זאָלן וויסן ווער זייער טאַטע איז געווען, ווער דער זיידע, באָבע, פעטער און מומע. דער משפחה־באַוואוסטזיין רופט אַרויס ביי זיי פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַמביציע צו זיין וויכטיקע פאַרשוינען. אָבער ביי דער עבודה־זרה פון זנות זיינען די מערסטע געווען ממזרים און סע זיינען געווען אָן אַ שיעור לאָבוסעס, מה־יעשהניקעס, גנבים, רוצחים און גאַנצע באַנדעס פלעגן זיי הרוב

מאַכן אַ וועלט... די מערסטע טיראַנען קומען אַרויס פון די לאַ־בוסעס...

צו ראַטעווען די מענטשן פון דעם אומגליק פון זנות, איז ביי די אידישע מיטן נאָמען פון זייער איין און איינציקן און אַלמעכטיקן גאָט פּראָקלאַמירט געוואָרן דאָס געבאָט: „דו זאָלסט ניט מזנה זיין!״

צוריק מיט איניקע צענדליקער יאָרן איז אויפגעשטאַנען אַ מלוכה מיט הערשער, וועלכע האָבן אָפּגעשאַפט די אַלטע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּאַראָנדיקעס און האָבן זיך גענומען איינפירן נייע. האָבן זיי דעם אויבענדערמאָנטן געבאָט אויך אָפּגעשאַפט — יעדנפאַלס — שטאַרק אָפּגעשוואַכט. וואָס־זשע איז געשען? עס האָבן זיך באַוויזן גאַנצע שייקעס ממזרישע קינדער, וועלכע האָבן גענומען אויפטאָן מעשים אשר לא יעשה; זיי האָבן געגנבעט, געגזלט, צעשטערט און צעבראָכן אַלץ, וואָס איז זיי געקומען צו די הענט. ווען די הערשער זאָלן עס געוועזן לאָזן לאַנג אָנגיין, וואָלטן אַצינד אַנדערע, צו זיי פיינטלעכע מלוכות, פאַרשפאָרט פירן קעגן זיי קאַלטע אָדער הייסע מלחמות; די ממזרימשע קינדער וואָלטן פון זייער מדינה געמאַכט אַ תוהו ובוהו.

זיי האָבן זיך אָבער געכאַפּט און צוריק איינגעפירט דעם געבאָט און האָבן זיך מיט זייער עקסיסטענץ געראַטעוועט...

ס׳איז ניט קיין אַנטי־קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע — דאָס איז אַ געשעענער פאַקט...

קאַפּיטל ח.

„זאָלסט ניט גנבענען"

גנבים, אין דרערד אַריין, האָבן זיך געיאַוועט און האָבן אַלעמען באַגנבעט!

אין דאָרף האָבן זיי ביי די פּויערים אַוועקגעגנבעט די בהמות, די ציגן, די שעפּסן, די הינער, די קאַטשקעס, די גענז, די אַקער־אייזנס די גראַב אייזנס, די גראַבליעס, די קאָסעס, די ווידלעס, די פערד, די וועגענער, די תבואות; צוגעגנבעט ביי זיי די געפעסן, די געשירן, דאָס אָנטואַכץ — זיי געלאָזן הויל־נאַקעט. דאַן האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין.

אויף די וועגן האָבן זיי ביי די באַלעגאָלעס, וואָס זיינען אַריין אין די אכסניות פאַר אַ ווײַלע, צוגענומען די פערד, די וועגענער מיט אַלץ, וואָס איז אין זיי געווען און די בעלי־עגלות זיינען נעבעך געבליבן שטעקן אין מיטן וועג אפילו אָן אַ בייטשל...

אין שטאָט, ווידער, האָבן זיי ביי די סטאָליערס צוגעגנבעט: די האַמערס, די זעגן, די הובליעס, די דלאָטעס, די מאָסן, די פיילן, די שאַרפשטיינער און זיי האָבן גאָר ניט געקאָנט טאָן; ביי די שניידערס האָבן זיי אַוועקגעגנבעט די שערן, די נודלען, די פאָדים, די ניי־מאַשינען, די קאָרטן, געוואַנטן, דאָס אונטערשלאַק, די פאַרטיקע און ניט פאַרטיקע מלבושים — האָבן זיי געלאָזן ווי אַ שיכור אַ פלאַש־בראָנפן; ביי שוסטערס — די מעסערס, די האַמערס, די נולן, די דראַטוועס, די פלעקלעך, די שטיפטן, די קאָפּיטעס, דאָס לעדער און זיי האָבן מער ניט געמאַכט קיין שטיוול, שטיוולעטן, קיין שיך, קיין שטעק שיך; ביי בעקערס — דאָס מעל, די קאָטשערעס די לאָפּעטעס די קאַטשלקעס די דייזשעס די לאָקשן־ברעטער; אַזוי אויך האָבן זיי אַלץ אַוועקגעגנבעט ביי די קאָוואַליעס, שלוסערס ביי די באָנדערס, ביי די סטעל־מאַכערס; ביי די קצבים — די מעסערס די האַק מעסערס, די וואָגן, די שטיקלעך — די בהמות מיט די ביקלעך; אפילו ביי וואַסער־טרע־גערס — די קראָמיסל מיט די עמערס; ביי טרעגערס — די שטריק מיט די פאַרטעכערס; ביי סוחרים, ביי קרעמער — זייער גאַנץ געלט און סחורות; ווייטער האָבן זיי צוגעלאַטכענט אויך ביי די אײַרישע

מלמדים; די טייטלען מיט די קאַנטשיקעס מיט די ספרים. אויך ביי די אייִדישע חזנים האָבן זיי אַוועקגעלאַטכעט: די מיצן די יאַרמעלקעס די תליתים, סידורים, מחזורים און אָן זיי האָבן זיי ניט געוואוסט ווי צו דאַוונען פאַרן עמוד...

אויך אין די שולן האָבן זיי גוגעגנבעט: די ספרי תורה, סידורים, חומשים, תהלימס, משניותן, גמרות די מדרשים, חוקן, אַלע ספרים, אַלע חפצים: די שופרות, די לייכטערס, די זילבערנע ידלעך, די עץ־חיימס, די כתרים, אפילו די קופערנע קוואָרט און דעם בעזעם; ביי שוחטים — די חלפים, ביי מוהלים די מוהל־מעסערס; דאָס ערגסטע: זיי האָבן ביי די צירונג־הענדלער, חוץ די זייגערלעך, קייטעלעך, אוירינגלעך, סיגנעטן, האַלדז־באַנדן, בראַסליעטן און דאָס גלייכן, אויך אַוועקגעגנבעט די קידושין־רינגלעך און חתנים האָבן ניט געהאַט מיט וואָס מקדש צו זיין זייערע כלות, וועלכע האָבן נעבעך שוין לאַנגע יאָרן אַרויסגעקוקט אויף דעם מאָמענט... דאָן זיינען זיי ביינאַכט אַריין אין הייזער און האָבן צוגעגנבעט ביי יעדן די געפעסן מיט די געשירן מיט דער גאַנצער הלבשה. מיט איין וואָרט: זיי האָבן אַלעמען באַגנבעט פונעם קאָפּ ביזקל אין די פיס, וואו זיי זיינען געבליבן הויל־נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט. דערביי זיינען פאָרגעקומען קאָמישע און טראַגי־קאָמישע אינצידענטן; ווי למשל, ס'איז געקומען אַ דעלעגאַט מיט אַ קרעדענצל צו אַ קאָנפערענץ פון די אייִדישע אַליין דאָרטן, מיט אַן אָנגעשריבענער רעדע, וואָס ער האָט געדאַרפט האַלטן פאַר זיי, זיינען ביינאַכט אַריין גנבים און האָבן צוגעגנבעט זיין גאַנצע אָנטואַכץ מיט דער אָנגעשריבענער רעדע... מיט אים זיינען מיטגעפאָרן איינער מיט אַ פידל און איינער מיט אַ פלייט, וועלכע האָבן געזאָלט אויסשפּילן פאַר זיי מוזיקאַלישע זאַכן, האָבן די גנבים ביי זיי אויך צוגענומען דאָס אָנטואַכץ מיט דער פידל מיט דער פלייט און זיי זיינען אַלע דריי דאָרטן געבליבן שטעקן הויל־נאַקעט און ניט אויסגעפירט זייער שליחות... אָבער דאָס איז געווען פון די קליינע צרות, גרויס איז געווען דער אומגליק, וואָס האָט דורך זיי אַלעמען געטראָפן;

ווי געזאָגט, האָבן די גנבים ביי זיי אַלץ צוגענומען און זיי זיינען געבליבן הויל־נאַקעט ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט; האָבן זיי געוואָלט אַ טרונק, האָבן זיי ניט געהאַט קיין וואַסער, זיינען זיי אַוועק צום טייך; אַזוי ווי זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס זי אָנצושעפּן, האָבן זיי זיך אַראָפּגעבייגן מיט די קעפּ צו דער וואַסער און זי געזופּט מיט די מיילער אַזוי ווי די חיות און בהמות. ווייטער: האָבן זיי געוואָלט עסן, — אַזוי ווי מעל, פליישן מיט די מכשירים אויף עפּעס אָפּצוקאָכן, אָפּצו־באַקן האָבן די גנבים אַוועקגעגנבעט, זיינען זיי אַוועק אין די וועלדער צו כאַפּן עפּעס אַ פויגל אַ חיה דערפאַר, און ווען זיי האָבן אַזוינס דער־

טאַפּט, האָבן זיי ניט געהאַט קיין מעסערס, ביי די איירישע אַ שוחט — ניט קיין חלף, האָבן זיי געריסן געביסן דערפון שטיקער אַזוי ווי די ווילדע בעסטיעס . . . אויף ביימער פאַר אַ פּירה האָבן זיי ניט געקלעטערט מיט קיין לייטערס — גנבים, אין דרערד אַריין, האָבן זיי אַוועקגעגנבעט און זיינען געקראָכן אויף זיי ווי מאַלפּעס. זכרים און נקבות האָבן פאַרקערט צווישן זיך אָן חופּה וקידושין, אָן חתונה האָבן: ניט געווען קיין קידושין־רינגען מיט וואָס מקדש צו זיין און קיין שפּיל־מכשירים פאַר קלעזמער מיט וואָס אפילו אויסצושפּילן עפּעס אויף אַ חתונה און עס זיינען געבוירן געוואָרן ממזרים און זיי זיינען אויך ביי די איירישע געוואָקסן ערלים; זיי זיינען ניט געגאַנגען אין קיין חדר און זייערע נאַ־קעטע גופים זיינען באַוואָקסן געוואָרן מיט האָר און איבער דעם אומגליק פונעם גנבענען האָבן זיי שוין אויסגעקוקט אַזוי ווי די גאָרילעס . . . האָבן אָבער אויך די איירישע אַלעמען פון דעם אומגליק אַרויסגע־ראַטעוועט; נעמלעך, עס איז ביי זיי מיטן נאָמען פון זייער איינציקן גאָט פאַרקלאַמירט געוואָרן דאָס געבאָט: „זאָלסט ניט גנבענען!"

און די פויערים אין דאָרף זיינען ווייטער געבליבן מיט זייערע בהמות, עופות, תבואות מיט אַלע זייערע מכשירים; די בעלי מלאכות, סוחרים קרעמער מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און זיי האָבן געהאַנדלט, געאַרבעט און ס'איז געווען הייזער, קליידער, וואָס צו עסן אפילו וואַסער־טרעגערס זיינען געבליבן מיט זייערע קראָמיסל, עמערס און זיי האָבן געבראַכט וואַסער אין יעדער הויז צום טרינקען, צום קאָכן, צום וואַשן; דערביי זיינען געגאַנגען אַלע אין באָד אַריין וואו סע זיינען שוין געווען די בעזעמלעך די שעפּעלעך, וואו מע האָט אויך קיינער ניט אַוועקגעגנבעט דעם צווייטנס אָנטואַכץ . . . אַבי סע נאָר געווען ווער סע זאָל אַכטונג געבן, האָט מען קיינעם ניט באַדאַרפט ברענגען פון דער היים אַנדערע תחתונים . . . ווייטער האָבן שוין אויך די מלמדים געהאַט די סידורים, חומשים, פסוקים, גמרות, הויפּטזעכלעך — זייערע קאַנטשיקעס. און די תלמידים האָבן פאַר דער מורא פאַר די קאַנטשי־קעס געלערנט מיט התמדה און זיי זיינען אויסגעוואָקסן ניט קיין גאָרי־לעס, נאָר תלמידי חכמים איידעלע לייט. און די חזנים האָבן געהאַט זייערע מיצן יאַרמעלקעס טליתים סידורים און מחזורים, און האָבן געדאַוונט פאַרן עמוד מיט קולי קולות, אַז די ווענט האָבן אַזש גע־ציטערט . . . הויפּטזעכלעך, צו די חתנים איז געווען גוט: זיי האָבן געהאַט די קידושין־רינגען און מע האָט זיי אויסגעסטראָיעט אין זייערע חתונה־מלבושים און זייערע כלות — אין די חופּה־קליידער מיט די גאַליאַנדרעס, און די קלעזמאָרים האָבן געהאַט פידלען, פלייטן, טרובעס,

פּויקן און טאַנצן, און זײ האָבן אויפגעשפּילט אַ מאַרש צו דער חופּה און מע האָט געפירט חתן־כּלה אונטער דער חופּה.

און די חתנים האָבן אונטער איר אויפגעהויבן די קידושין־רינג־לעך און די כּלות האָבן אונטערגעשטעלט זײערע פינגער און די חתנים האָבן זײ מיטן הרי־אַט אַרויפגעזעצט אויף זײ, און די מחותנים דערבײ האָבן געשריען: מזל־טוב! מזל־טוב! און די קלעזמער האָבן אויסגעשפּילט אַ פרײלעכס; און די מחותנים האָבן געפירט חתן־כּלה פון דער חופּה; און אויף דער וועטשערע האָבן די קלעזמער געשפּילט און מע האָט געטאַנצט און געהעפקעט ביזן ווײסן טאָג אַרײַן...

קאַפּיטל ט.

וועגן פאַלש עדות־זאָגן:

אַ סך, אַ סך זיינען איבער פאַלשע עדות שווער געפּייניקט און אומגעבראַכט געוואָרן מיט גרויליקע טויטן. ס'האָט פּאַסירט, וואו צוליב קנאה, רעליגיע, ליבע, הערשאַפט האָבן איינע געמאַכט בלבולים אויף אַנדערע, ווי למשל, אַז זיי האָבן עמעצן דערהרגעט, דערביי, ניט זעלטן דעם עמעצן אַליין פּאַרטיק געמאַכט און אים אונטערגערוקט צו די, וועמען זיי האָבן געוואָלט טרעפן און מיט אונטערגעקויפטע חברה־לייט באַשטעטיקן פאַרן געריכט, אַז די האָבן עס געטאָן, וואו מע פלעגט זיי ניט איינמאָל אַזוי שרעקלעך פייניקן, אַז זיי האָבן זיך שוין אַליין מודה געווען אין דעם פאַרברעכן, וואָס זיי זיינען ניט באַגאַנגען, און ווי נאָכדעם פלעגט מען זיי ערשט אומברענגען.

פרויען זיינען אָן אַ שיעור געטויט געוואָרן פאַר חטאים, וואָס זיי זיינען ניט באַגאַנגען. סע האָט ניט זעלטן פּאַסירט, וואו איינער, וואָס האָט געוואָלט פּטור ווערן פון אַ פרוי, זאָל אויסטראַכטן אויף איר אַ בלבול פון זנות, פון כישוף און אָנגעשטעלט חברה־לייט, וועלכע האָבן דערויף עדות געזאָגט און מע האָט זי דאַן פאַרברענט אויפן שייטער־הויפן . . .

פאַראַן שוידערלעכע געשיכטעס פון פאַלן, וואו מע האָט אומגע־בראַכט מענטשן אומשולדיקערהייט; זיי אומגעבראַכט נאָר דערפאַר, וואָס אַנדערע האָבן אויף זיי פאַלש־עדות געזאָגט.

דאָס פאַלשע עדות זאָגן איז געווען און איז נאָך עד היום אַן אומגליק, וואָס הענגט איבער מענטשן, וואָס מאַכט אומזיכער זייער עקסיסטענץ.

ביי די איירישע איז אויך מיטן נאָמען פון זייער איין און איינציקן, אַלמעכטיקן גאָט, פּראָקלאַמירט געוואָרן דאָס געבאָט, ניט צו זיין קיין פאַלשער עדות! דער געבאָט איז פאַרשטייט זיך, זייער אַ נאָבעלער און אַ העכסט ווינשענסווערטער, וועלכן אויך כמעט אַלע אַנדערע האָבן אָנערקענט, אָבער אויספירן אים, פירן זיי אים אויס: אַ נעכטיקער איירערנעכטן!

שוין מיט טויזנטער יאָרן, נאָכדעם, ווי דאָס געבאָט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך די איירישע, האָבן גענוג אַנדערע פון קנאה צו די איירישע, געמאַכט אויף זיי בלבולים פון פאַרברעכנס, וואָס זיי זיינען ניט באַגאַנגען, ווי למשל, האָבן זייערע שונאים געמאַכט אויף זיי אַ בלבול, אַז זיי טויטן קינדער, צאַפּן אויס פון זיי דאָס בלוט און טוען עס אַריין אין דער מצה, וואָס זיי, די איירישע, עסן אין פּייסאַך: כאָטש, וואָס אין דער אמתן ווייסן עס אַלע זייער גוט, אַז פאַר די איירישע איז שטרענג פאַרבאָטן מן התורה, ניט אַ לעק צו טאָן פון קיין שום בלוט, האָבן דאָך שונאים אונטערגעשטעלט פאַלשע עדות, וועלכע האָבן באַשטעטיקט, אַז זיי האָבן עס אַליין געזען ווי איירישע האָבן עס געטאָן, דערביי ברענגענדיק באַווייז פון אַ טויט־צעשטאָכן קינד, וואָס זיי האָבן עס אַליין דערהרגעט און אונטערגעוואָרפן צו איינעם פון די איירישע...

מילא, האָט מען די איירישע, צו וועלכע זיי האָבן אונטערגעוואָרפן דעם הרוג, פאַרפייניקט צום טויט, זיי זאָלן זיך מודה זיין, דען פלעגן זייערע שונאים מיט אַן אָנגערייצטן המון באַפאַלן אַלע אַנדערע איירישע: זיי פּלינדערן, הרגענען, פאַרגוואַלטיקן זייערע פרויען און טעכטער, זיי פאַריאָגן פון זייערע היימען און אָוועקרויבן פון זיי אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרפראַצעוועט... אין מקומות, וואו עס פלעגט אויסברעכן אַ מגפה, אַ שטאַרקע מחלה, פלעגן זייערע שונאים אויף זיי אַרויפלייגן די שולד — זאָגן אַז זיי האָבן אַריינגעטאָן סם אין די ברונעמער און מיט פאַלשע עדות באַווייזן, אַז זיי האָבן עס ווירקלעך געטאָן...

און כאָטש, וואָס די איירישע האָבן אָפּט געליטן פון דער מגפה שטאַרקער פון ווי די אַנדערע, פלעגן דאָך די לעצטע זיי באַפאַלן און זיך נוקם זיין אין זיי אויף אַ שרעקלעכן אופן.

ביי היינט צו טאָג ווערט נאָך זייער פיל פּראַקטיצירט דאָס פאַלשע עדות זאָגן. אַדוואָקאַטן אין די געריכטן באַנוצן זיך מיט פאַלשע עדות רעכטס און לינקס און אָפּטמאָל באַפרייען זיי מיט פאַלשע עדות דעם גנב און זעצן אַריין דעם באַגנבעטן... אומשולדיקע שמאַכטן אָפּ זייערע יאָרן אין תפיסות, אין משוגעים־הייזער, גייען אויפן קאלגל פאַר חטאים, וואָס זיי זיינע ניט באַגאַנגען...

אין שטאַטן פון אַמעריקע גופא, קענען מענער און פרויען קריגן איינס פון דאָס אַנדערע אַ גט, נאָר ווען זיי באַווייזן, אַז זיי האָבן איינס דאָס צווייטע פאַרראַטן מיט אַנדערע. וואָס־זשע טוען זיי? — דינגען חברה, וועלכע זאָגן עדות, אַז זיי האָבן געקוקט, ווי זיי האָבן פאַרראַטן... וואָס הייסט געקוקט? זיי גנבענען זיך אַריין צו אים אָדער צו איר אין שלאָף־צימער, לייגן זיך אַריין נאַקעט אין זייערע בעטן, אַנדערע רייסן

זיך אַריין און כאַפּן זיי „ביי דער האַנט” און די באַטרעפנדע קריגן אין דעם געריכט דעם גט...

דערביי נעמט מען אָפּט מאָל צו ביי דער מוטער די קינדער און זי ווערט געשטעמפּלט פאַר אַ זונה...

פאַלש עדות־זאָגן גייט אָן צווישן מלוכות און פאַראורזאַכן, אַז מי־ליאָנען מענטשן זאָלן זיך אויסשלאַכטן איינס דאָס אַנדערע... יאָ, דאָס פאַלשע עדות־זאָגן איז אַ גרויסער אומגליק! ווען עס וועט קומען דער טאָג, וואו מענטשן וועלן אויספירן דאָס געבאָט פון ניט צו זיין קיין פאַלשע עדות, וועט זיין אַ בעסערע און שענערע וועלט פאַר די מענטשן צו לעבן אויף איר...

קאַפּיטל י.

וועגן דער וויכטיקייט פון דער היים

אָן אַ היים איז דעם מענטשן ערגער פון דעם הונט. האָט ער אַ היים, האָט אַ גאָרטן, פּירות קרייטעכער, אויך בלומען; אַ צוגעוואוינטע חיה, אַ פויגל. פון דער היים גייט ער שוין צו אַקערן און פאַרזייען זיין פעלד און ברענגט צוריק אין איר די רייף־געוואָרענע תבואה. דען מאַכט ער זיך אין איר אַן אויוון, אַ בעט, אַ טיש אַ באַנק, אַנדערע באַקוועמלעכ־קייטן. חוץ מאַטעריעלע ווערטן, שאַפט ער אין איר אויך גייסטיקע. אַלע פילאָזאָפיעס, טעאָריעס, וויסנשאַפטן, אַרטן און ווערטן זיינען געשאַפן געוואָרן פון מענטשן מיט אַ היים און ניט פון די, פון די ווילדענישן. די היים איז די באַזע, פון וועלכער עס שווימט אַרויס די מענטשלעכע ציווי־ליזאַציע. נעמט מען צו אָדער מע צעשטערט ביים מענטשן זיין היים, ווערט צוריק אויס מענטש — נאָר אַ וואַגאַבונד, אַ וואָגלענדע צווייפיסיקע חיה...

היימען האָבן זיך פאַרטאָפּלט און פאַרמערט און זיך אויסגעשטאָט אין קלענערע און אין גרעסערע קרייזן, ווען עמענס באַלעבאַטים, ווערנדיק שוין אַ גאַנץ פאָלק, האָבן פאַרגעזעצט צו־געשטאַלטן זייערע מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן לויט זייערע אָנפאַנגנדיקע פאָרמען. מאַנכע פעל־קער האָבן באַוויזן צו אַנטוויקלען זייערע מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן צו אַ הויכער מדרגה. אָבער, ווען זיי זיינען באַפאַלן געוואָרן פון אַ גזלנים־פאָלק, וואָס האָט ביי זיי צוגענומען און צעשטערט זייער היים, האָט זיך די אַנטוויקלונג פון זייערע קולטורעלע ווערטן אָפּגעשטעלט און אָפּט־גאָר אונטערגעגאַנגען... און דאָס איז געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אַלעמען; ווען איינער בויט זיך אויס אַ שיינע און באַ־קוועמע היים, טוט ער דערמיט קיינעם קיין רעה ניט. פאַרקערט, ער ברענגט מיט דעם פאַר די אַנדערע אַ טובה; זיי נעמען זיך אַראָפּ פון אים אַ ביישפּיל און בילדן זייערע היימען אויפן זעלביקן שטייגער און האָבן אויך מער הנאה פון זייער לעבן. ניט בלויז מיט ממשותדיקע ווערטן, נאָר אויך מיט רוחניותדיקע קומט פאַר דאָס אייגענע. ווען אַ פאָלק ברענגט אַרויס הויכע מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן, טוט עס דערמיט קיינעם קיין רעות ניט, נאָר אַ גרויסע טובה.

לײדער זײנען זיך אָבער מענטשן מתקנא. אײנצלנע ווי אויך גאַנצע פעלקער זײנען זיך אַזוי ווײט מקנא, אַז זײ באַפאַלן זיך און פאַר־טיליקן זיך און פאַרניכטן זיך אײנס ס׳אַנדערע זײערע הײמען מיט די ברוטאַלסטע אופנים. און דאָס איז, ווי שוין געזאָגט, אַ גרויסער שאָדן פאַר אַלעמען.

נאָך בײ הײנט־צו־טאָג באַפאַלן זיך פעלקער צוליב קנאה, וואו די באַזיגער פאַרטיליקן די באַזיגטע, צעשטערן און פאַרוויסטן זײערע הײמען און שטעלן דערמיט אָפּ דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע...

די אײרישע אַלײן האָבן שוין מער ווי אײנמאָל דורכגעמאַכט אַזוינע ביטערע דערפאַרונגען. דערפאַרונגען, וואו זײ זײנען געזעסן אויף ערטער, אײנגעגרונטעוועטע מיט הײמען, וואו זײ האָבן אַנטוויקלט גרויסע גײסטיקע ווערטן, אַזוינע גײסטיקע ווערטן, וואָס ווען אַנדערע האָבן זײ זיך אָפּגעלערנט, האָבן זײ מיט זײ שטאַרק מצליח געווען...

זײנען זײ באַפאַלן געוואָרן פון אַנדערע, וועלכע האָבן זײערע הײמען צעשטערט און זײ אַ סך אומגעבראַכט און די איבעריקע פאַריאָגט און פאַרטריבן. אָבער, בײ זײ, ווען פאַרלירנדיק זײערע הײמען, האָט זיך די אַנטוויקלונג פון זײערע גײסטיקע ווערטן ניט אָפּגעשטעלט; מיט די אײרישע, ווי צו זאָגן, איז געשען אַ נס! אויפן אָרט פון דער ממשות־דיקער הײם, האָבן זײ זיך געשאַפן אַ גײסטיקע, אַ מלכות־שמים, און האָבן פאַרגעזעצט צום גליק פון דער גאַנצער מענטשהײט די אַנטוויקלונג פון זײער וויכטיקע גײסטיקע ווערטן...

אָבער, ווען אַלע וועלן נעמען אויספירן פינקטלעך דאָס געבאָט פון ניט גלוסטן אַוועקצונעמען דעם צווײטנס הײם, וואָס קען ניט מײנען בלויז פון אַ יחיד, נאָר אויך פון אַ רבים, וועט דאַן מקוים ווערן די טײערע, שײנע וויזיע פון דעם וואונדערלעכן אײרישן נביא פון דער צײט, ווען מענטשן וועלן צעברעכן זײערע שווערדן און זײ איבער־שמעלצן אויף אַקער־אײזנס, זײערע שפּיזן אויף שנײד־מעסערס, און קײנער וועט זיך מער ניט לערנען מלחמה — און איטלעכער וועט זיך זיצן זיכער אונטער זײן װײנשטאָק און אונטער זײן פײגנבוים, וואָס מײנט צו זאָגן — זיכער אין זײן הײם און קענען פאַרזעצן דעם פּראָגרעס פון זײערע מאַטעריעלע און גײסטיקע ווערטן — „כי כל העמים ילכו; איש בשם אלהו“ או אויך די אײרישע וועלן זיצן פאַרזיכערט אין זײערע הײמען אָן געשטערט צו ווערן פון עמעצן מיט דער אַנטוויקלונג פון זײערע קולטורעלע ווערטן. און עס וועט זײן שלום איבער דער גאָרער וועלט און אַלע וועלן לעבן אין גליק און אין פרײד אײביק און נאָך ווײטער!...

קאַפּיטל יא.

„זאָלסט ניט גלוסטן ס'ווייב פון דיין חבר"!

פון וואַנען און ווי אַזוי איז געקומען דער מענטש אויף דער וועלט? ווי עס איז באַשריבן אין בעסטן בוך, האָט דער, וואָס האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט אים אויך באַשאַפן. — לאָגיש־ווייס, קען דען זיין אַנדערש? — און ווי עס גיט זיך אין בעסטן בוך איבער, האָט ער פריערט געמאַכט דעם הימל, די ערד, די ימען; דאַן האָט ער אַריינגעזעצט אין הימל די צוויי גרויסע ליכטער — די זון מיט דער לבנה; דאַן די שטערן; אַלע געוויקסן; אַלע חיות, בהמות און עופות; פיש; אַלע שווימענדיקע, ווידמענדיקע, קריכנדיקע באַשעפענישן, וואָס דאָס אַלץ מיט אַן אַנדער, זאָגט זיך אין בוך, האָט ביי אים גענומען אַ וואָך — זעקס טעג... און אַז ערשט דעם זעקסטן טאָג, פאַרנאַכט האָט ער צונויפגעשאַרט פון דער ערד פּאָרעך, אויף דעם אַראָפּגעגאָסן אַ רעגן, וואו עס איז דערפון געוואָרן אַ בלאָטע־טייג און פון דעם בלאָטע־טייג, לויט סע קוקט אויס פון דער באַשרייבונג, האָט ער ווי, להבדיל, הבדלות, אַ בעקער — אַ קוילעטש, אויסגעקנאָטן, אויסגעקאַטשעט, אויסגעפלאָכטן דעם קוילעטש — דעם מענטשן...

און אויסגעקאַטשעט און אויסגעפלאָכטן דעם „קוילעטש", האָט פריער דעם מאַן, זאָגט זיך דערביי, אין זיין געשטאַלט. און, אַז ערט אים שוין געהאַט אויסגעפלאָכטן מיט די פיס מיט די הענט מיט די איוערן מיט דער נאָז. — די נאָז, ווי זי זעט אויס, האָט ער געקערט, ווען ער איז שוין געווען אינגאַנצן פאַרטיק, נעמען אַ שטיקל בלאָטע, זי אויסקאַטשען און זי אים צוקלעפּן צום פּנים... און ווערליק טאַקע זי פונקציאָנירט, איז זיכער, אַז זי איז פון בלאָטע; ווייל סע פאַלן נאָך פון איר עד היום בלאָטיקע שטיקלעך... — דאַן, האָט ער אים פאַנאַנ־דערגענומען די נאָזלעכער און האָט אַריינגעבלאָזן אַ נשמה און ער איז געוואָרן לעבעדיק...

נאַכער, ווי עס דערציילט זיך אין גוטן בוך, האָט ער אים געמאַכט די פרוי, וואָס לויט סע גיט זיך אינעם בוך איבער, האָט ער שוין ניט ווי להבדיל אַ בעקער — אַ קוילעטש, נאָר אויך ווי להבדיל היינטיקע צייטן אַ דאָקטער, אים פאַרשלעפערט; אים אָפּערירט; אַרויסגעבאַ־

קומען פון אים אַ ביין און שוין, לויט דער שכל איז מתחייב, געדאַרפט ווי אַ שניצער, להבדיל, פון אים אויסמלאכען די פרוי, וואָס פון זייביידע זיינען שוין אַרויסגעקומען אַלע איבעריקע . . .

אָבער נאָך דאַרווינען, ווידער, קומט דער מענטש צוערשט אַרויס פון אַ מאַלפּע !

ווער איז גערעכט ?

צו זאָגן : דער בעסטער בוך ? זאָל זיין — אפילו פון בלאָטע. אָבער ווי עס גיט זיך איבער אינעם בוך האָט אים גאָט געמאַכט אין זיין געשטאַלט ? קען עס אָבער ניט זיין אַזוי : ווייל דער מענטש איז אַ גרויסער פּאַסקודניאַק, אַ רשע, אַ ליגנער, אַ זעלבסטזוכיקער : די גאַנצע וועלט איז אים ווייניק ! דערביי איז ער אַ מערדער, אַ גרויסער אכזר ; און גאָט איז פּונקט דאָס פּאַרקערטע. כאָטש קיינער האָט אים ניט געזען פּנים־אל־פּנים איז וועדליק זיינע מעשים מיט דער גאַנצער וועלט, וואָס ער האָט באַשאַפן, קוקט ער אויס צו זיין אַ צדיק, אַן אמת־דיקער, גאָרניט קיין זעלבסטזיכטיקער, אַ גרויסער בעל־רחמן ! ווי אַזוי ער שיקט צו יעדער הינדעלע איר ווערעמל ! איטלעכס גרעזעלע, איר טראָפּעלע טוי ! ווי אַזוי פאַר יעדן קינדעלע האָט ער באַשאַפן ביי דער מאַמען אַ ציצקע מיט אַ ווערצעלע, סע זאָל עס קענען אַריינ־נעמען אין מוילכל און סמאָקן — זייגן ! ווי אַזוי ער מאַכט פאַר אַלע שיינען די זון ! ווען מע באַטראַכט ווי ער פירט זיך מיט דער וועלט, ציוגט מען זיך איבער, אַז ער וויל נאָר, זיינע ברואים זאָלן הנאה האָבן פונעם לעבן. און ווען דער מענטש זאָל זיין געראָטן אינעם כביכול, וואָלט ער דאָך אויך געווען ווי ער ? ווידער, ווען פאַרקערט, ווען דער באַשעפער אַליין זאָל טאַקע חלילה זיין ענלעך צו זיין „קוילעטש", וואָלט די וועלט אַ קיום געהאַט פון אסתר טענית ביז פורים . . .

— פון אַ מאַלפּע ? פאַרמאָגט ער אפילו אין זיך אַ סך מאַלפּעש־קייט, זאָגן אָבער אַן אַ שיעור מענטשן אויף אַנדערע, אַז זיי זיינען פערד ! . . . אויך — גרויסע פערד . . . — בהמות ! און גרויסע בהמות ! — אייזלען ! . . . שאַט, אַ סך מאָל געהערט זאָגן איינע אויף די אַנדערע, אַז זיי זיינען גבירים — גבירים אדירים, וואָס מיינט בלשון י״ש : דברים אחרים, פּראָסט און פּשוט — חזירים, רחמנא לצלן . . . אויך — כלבים . . . עקדושן, שלאַנגען, פוקסן . . . און וואָס ניט ? און אַז מע זוכט אונטער די אַלע זאָגעכצן, זעט מען, אַז זיי זיינען גאָרניט אַזוי אויסן וועג . . . קען גריילעך זיין אַז אַז דעם מענטשנס טאַטע־מאַמע האָבן געכראָקעט ווי חזירים, אָדער געבילט ווי כלבים . . . אָבער וואָס סע קען זיין, דער אמת איז, אַז ער קומט ניט אַרויס פון קיין מאַלפּע ניט פון קיין כלב, נאָר פון אַ פּאָר־פאָלק, פון אַ מאַן מיט אַ ווייב, פון אַ טאַטן מיט אַ מאַמען.

צוערשט, ווען אַ פּאָר פּאָלק קומען זיך צונויף, מאַכן זיי ביידע אַ קליין מענטשעלע... און זיי מאַכן די קליינע מענטשעלעך, ווייל זיי געניסן דערביי אַ ווילדן פאַרגעניגן... אָבער די קליינע מענטשעלעך קומען אַרויס פון זייערע מיגענעס־צעקראָכענע גזירות — שטיקער פלייש מיט אויגן, וואָס קענען זיך אפילו ני ט אַ ריר טאָן — ווייסן נאָר צו שרייען און מע דאַרף זיי באַלד אַלץ דערלאַנגען, זיי אויסהיטן פון סכנות; דען, ווען זיי וואַקסן, דאַרף מען זיי לערנען רעדן, מידות־ווייזן זיי דעם דרך ווי צו לעבן אויף דער וועלט. און דאָס איז גאָרניט קיין לייכטע אויפגאַבע — זייער אַ שווערע און העכסט פאַראַנטוואָרטלעכע און ווער איז עס מחויב דורכצופירן? טאַטע־מאַמע פאַרשטייט זיך, די, וואָס האָבן זיי אַרויסגעבראַכט.

וואָס פלייסיקער טאַטע מאַמע וועלן אויספירן די אויפגאַבע, אַלץ בעסערע, פייאיקערע מענטשן וועלן זיי אַרויסקומען. מענטשן, וואָס וועלן זיין אַ ברכה פאַר זיך און פאַר אַלע אַנדערע. ס׳איז דערום וויכטיק, אַז דער בונט צווישן טאַטע־מאַמע זאָל זיין אַ שטאַרקער, זיי זאָלן זיך זיין געטריי און האַרמאָנירן ביים דורכפירן זייערע פליכטן. טאָמער קריגן זיי זיך — מאַכן סקאַנדאַלן, טייג עס פאַר די קינדער גוט אויף כפרות — זיי וועלן שוין ניט אַרויסקומען קיין געראָטענע: סיי פיזיש, סיי גייסטיק.

ווי געזאָגט, איז דאָס דערציען פון קינדער אַ שווערע מלאכה; טאַטע־מאַמע ברענגען זיך אויס מיט זייער גאַנצע ענערגיע דערפאַר. מאַכט זיך, וואו עס בלייבט ניט איינער פון זיי, טויג עס פאַר די קינדער אויף אַכצן קלאָגן. פעלט די מאַמע, גיסט זיך אויס אויף די קינדער אַ גרויסער צאָרן. די מאַמע פילט פאַר אירע קינדער אַזאַ ליבע, אַז זי איז זיך מקריב פאַר זיי מיט איר לעבן. קיינער קען ניט פאַרנעמען דאָס אָרט מיט דער ליבשאַפט, מיט דער געטריישאַפט צו קינדער פון דער מאַמען; טאָמער חלילה, שטאַרבט זי, בלייבן די קינדער יתומים און עס איז אויף זיי אַ גאָטס רחמנות ווי אַזוי זיי קומען נעבעך אָפּ אָן דער מאַמען... נאָר מילא, קעגן טויט קען זיך דאָך קיינער ניט באַוואָרענען! אָבער, האָבן די מאַנצבילן אַ נאַטור, וואָס עס געפעלט זיי תמיד מ׳צוויטנס ווייב... זיי פילן אַ שטאַרקע גלוסטונג צום אַנדערנס ווייב און זיי זיינען אויף איר כסדר גרויסע בעלנים, ווער שמועסט נאָך ווען זי איז אַ שיינע, ווערט זיי ממש אויסגיין ס׳חיות נאָך איר... איז טאָמער גייט איינער און נעמט טאַקע צו ביים צווייטן זיין ווייב, (זאָל ער בעסער ניט דערלעבן צו קומען זאָל ער ברעכן הענט און פיס איידער ער באַוויזט זיך אפילו...) ווייל מיט אַזאַ אַקט איז ער גורם אַ גרויסן היזק פאַר די קינדער, ווען זאָגאַר ער נעמט זיי מיט דער מאַמען — זיי פאַרלירן דערביי דאָס געטרייע אויג פונעם טאַטן, פאַרלירן זיי, און

וואַקסן שוין דערנאָך מיט אַ צעבראָכענעם געמיט וואו אַ סך מאָל גײען זײ דערפֿאַר אַוועק אויף קרומע און שלעכטע װעגן; אויף וועגן פֿון גנבֿה, גזלה, פֿון פּראָסטיטוציע און זײ ברענגען אומגליק פֿאַר זיך און פֿאַר זײערע אַרומיקע...

און חוץ דעם גרויסן שאָדן, וואָס אײנער איז גורם מיט אַזאַ אויפֿטו פֿאַר די קינדער און פֿאַר זײערע אַרומיקע, טרעט דערבײ תמיד אַרויס דער מאַן אין אַ קאַמף מיטן צווייטן פֿאַר זײן געליבטער ווײב, פֿאַר דער מאַמען פֿון זײנע קינדער; אין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט און אַ סך, אַ סך זײנען בײ אַזוינע פֿאַלן געשאָסן, געשטאָכן, געקײלעט, געסמט געוואָרן...

ווען מאַנצבילן בײ אַזוינע אַקטן זײנען געוועזן נאָך עפּעס וויכטיקע פֿאַרשוינען, ווי קײסאָרים, הערשער איבער פֿעלקער פֿון לענדער, האָבן זײ אַרויסגעשיקט זײערע אַרמײען אײנס קעגן דאָס אַנדערע אין אַ מלחמה זיך אויסצוהרגענען און עס זײנען שוין פֿאַרגאָסן געוואָרן פֿאַר אַוועקנעמען דעם צווייטנס ווײב טײכן מענטשלעך בלוט! גאַנצע פֿעל־קער זײנען אויסגעשלאָכטעט געוואָרן און זײערע לענדער זײנען איבער דעם חרובֿ געוואָרן...

נו, איז בײ די אײרישע מיטן נאָמען פֿון זײער אײנציקן גאָט פּראָקלאַמירט געוואָרן דער געבאָט:

„זאָלסט ניט גלוסטן ס׳ווײב פֿון דײן חבֿר״!

און דער געבאָט איז אײנער פֿון די וויכטיקסטע פֿון די נויטיקסטע פֿאַר דעם קיום פֿון די מענטשן! און אַלע האָבן זײ אים אָנערקענט! אָבער, אים אויספֿירן?

נאָך בײ הײנט־צו־טאָג קוקן מאַנצבילן מיט גיריקע אויגן אויף די ווײבער פֿון אַנדער מענער; נאָך בײ איצטיקער צײט הערט זיך זײ ניט אויף צוגלוסטן ס׳ווײב פֿון דעם צווייטן; און עס טרעפֿט נאָך גאָר אָפֿט, וואו אײנער קומט זי אַוועקצונעמען בײם אַנדערן און סע גיסט זיך דערבײ בלוט!...

ווען סע וועט קומען דער טאָג, ווען צו די מענער וועט זיך אויפֿהערן צוגלוסטן ס׳ווײב פֿונעם צווייטן, וועט זיך דאַן מער ניט גיסן קײן מענטשלעך בלוט און אַלע וועלן זײן פֿײן, לײטיש, און אײדעל, און אַלע וועלן זײ לעבן אין שלום, גליקלעך און פֿרײ, וועלן זײ!...

קאַפּיטל יב.

„שטיינער פאַר ברויט"

און די צען געבאָט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעבראַכט מיטן נאָמען פון זייער איין־און־איינציקן אַלמעכטיקן גאָט, זיינען געוואָרן — האָבן געמוזט ווערן! דער פונדאַמענט פונעם מענטשלעכן צוזאַמען־לעבן אויף דער ערד, ווייל אָן זיי איז ער געווען און איז ער אַ צוויי־פיסיקע נאַרישע ווילדע בעסטיע...

מיט זיי, מיט די צען געבאָט, האָבן זיי אַרויסגעבראַכט די תורה מיט די פאַרשיידענע מצוות ווי אַזוי מע דאַרף זיך פירן ריין, ווי אַזוי מע דאַרף זיך באַציען בעסער און גערעכטער איינער צום אַנדערן... דאַן, זיינען פון די אידישע אַרויסגעקומען די וואונדערלעכע נביאים, אַלערליי גרויסע חכמים, וועלכע האָבן געפּריידיקט און געלערנט צו די מענטשן אַ הויכע מאָראַל. אַ מאָראַל פון יושר, פון רחמנות...

יאָ, די אידישע זיינען אַ וואונדערלעך פאָלק! זיי האָבן געבראַכט און ברענגען אומעטום פאַר אַלע גרויסע גליקן, די וויכטיקסטע ווערטן! עס קומט, מע זאָל זיי דערפאַר איבעראַל אָפּגעבן גרויס כבוד, אַרויסווייזן פאַר זיי אַ גרויסן דרך־ארץ!

נאָך מער כבוד דאַרפן אַלע אָפּגעבן, צו די ניט־געראָטענע אידישע, צו די מיאוסע, צו די תמעזזאָטע; ווייל, ווי מיר האָבן געזען אין אָנפאַנג — פון די מיאוסע אידישע, קומען ערשט אַרויס די שיינע. די שיינע? די סאַמע שענסטע קינדער, קינדער — מאַלכימלעך!... פון די תמוואַטע — חכמים. חכמים? — סאַמע די גרעסטע חכמים!... פאַר די דאַרף מען ערשט אַרויסווייזן דעם ריכטיקן דרך־ארץ! מע דאַרף אַלע פאַר זיי איבעראַל אַראָפּנעמען דאָס היטל און שרייען: הוראַ! — הוראַ פאַר די אידישע!...

אָבער ליידער גיט מען זיי ניט אָפּ אין ערגעץ קיין ברעקל כבוד; מע ווייזט צו זיי אויף קיין אָרט ניט אַרויס קיין פּיצל דרך־ארץ; מע נעמט פאַר זיי קיינער אויף קיין פלאַץ ניט אַראָפּ ס׳היטל; מע שרייט ניט עמיצער פאַר זיי אויף קיין מקום: הוראַ! נאָר, מע איז זיי איבעראַל מכבד פונקט מיטן פאַרקערטן; מע באַליידיקט — מע זידלט זיי; מע

טרייבט זיי פון אומעטום! מע שלאָגט און מע הרגעט זיי! מע איז זיך אָפט נוקם אין זיי אויפן שוידערלעכסטן אופן!

פאַרוואָס? וואו קומט עס?

פאַר דערפאַר, וואָס זינט די איירישע האָבן זיך אויף דער וועלט באַוויזן, זיינען אַלע אַנדערע פעלקער און מענטשן־גרופעס, חוץ, וואָס זיי זיינען געווען פריער אויך געוואָרן יידן!... ווי למשל: פאַר זייער קומען אויף דער וועלט, זיינען מצרים געווען מצרים; צדונים — צדונים, קנענים, — קנענים, פלשתים — פלשתים, יוונים — יוונים און אַזוי ווייטער.

אָבער נאָך זייער דערשיינען, זיינען מצרים, חוץ, מצרים אויך געוואָרן יידן, קנענים, חוץ, קנענים — יידן. אַזוי ביי די הייכטיקע צייטן; זיינען שוין פראַנצויזן, חוץ פראַנצויזן — יידן; ענגלענדער, חוץ, ענג־לענדער — יידן (נו, זאָל זיין איזראַעליטן...). אַלע פעלקער פונעם אייראָפּייאישן קאָנטינענט זיינען שוין, חוץ, וואָס זיי זיינען — אויך יידן... אויך פונעם אַזיאַטישן קאָנטינענט זיינען אַלע מינים אַראַ־בער געוואָרן אַ סאָרט־יידן... טערקן — טערקן־יידן... אַ צאָל גרויסע פעלקער פון דאָרטן, ווי די אינדיער, כינעזער, יאַפּאַנטשיקעס און נאָך זיינען שוין האַלב יידן. אָבער ניט געזאָרגט — זיי ווערן שוין געמאַכט אַדורכאויס דאָרטן פאַר יידן... אַזוי אויך די פון דעם אַפרי־קאַנישן קאָנטינענט; פון די צוויי נייע אַנדעקטע אַמעריקאַנער קאָנ־טינענטן זיינען אַלע פעלקער, חוץ, וואָס זיי זיינען — אויך יידן. (פרי־ערדיקע איינוואוינער פון זיי, האָבן גרויסע, גאָר גרויסע געלערנטע, אַנדעקט, אַז זיי זיינען, רחמנא יצילנו!. געווען און געווען... וואָס דאַרפט איר האָבן דאָס? סע געפינט זיך איין איירישער דאָקטער, חיים מק׳שאָשקעס, וועמען עס גייט אין לעבן צו האָבן די שוואַרצע פּאַלאַשן פאַר איירישע. פרעגט אים צו וואָס דאַרף מען זיי האָבן פאַר איירישע? פרעגט נאָך אַנדערע אַזוינע שוטים, וואָס האָבן אויסגעפונען ענלעכע גרו־פעס־אַראַבער פאַר איירישע?... צו וואָס דאַרף מען זיי האָבן פאַר אַזעלכע? פרעגט זיי ווער האָט עס זיי געבעטן?... אַזוי איז אויך מיט די פון די אינדזלען פונעם פאַסיפישן אָקעאַן. מיט איין וואָרט: אַלע פעלקער פון דער וועלט — חוץ, וואָס זיי זיינען, זיינען זיי שוין אויך יידן... און די יידן־פע. (פע. — פאַרקירצט פון פעלקער...). פון דער גאָרער וועלט פאַרגינען ניט די איירישע זייער סופּעריאָטעט און זיי זיינען זיי שטאַרק מקנא. מקנא? אַ סך זיינען זיי פון קנאה געוואָרן שונאים און שרעקלעכע שונאים... אָבער פון די יידן־פע. זיינען פאַראַן גוטע און שלעכטע — פאַסקודנע יידן פע. און פיינע און לייטישע יידן־פע... אַזוי זיינען די פראַנצויזן — יידן וואוילע — זיי האָבן פאַר די לעצטע פאַר דורות באַהאַנדלט די איירישע באַגלייך מיט די אַנדערע. די ענג־לענדער־יידן זיינען האַלב און האַלב: עס הייסט, כאַ׳יז דאָ ענגלענדער־

יידן שלעכטע לײדאַקעס און גוטע, לייטישע. די רוסן־יידן האָבן פאַר די לעצטע גענעראַציעס אָנגעטאָן צו די איירישע גרויסע צרות. זיי האָבן זיי אַרײנגעשפּאַרט אין באַשטימטע מקומות פון זייער מדינה; ביי זיי אַוועקגענומען אַלע מעגלעכקייטן פון צו פאַרדינען פאַר אַ לעבן. די רוסן־יידן האָבן דערמיט אַליין אַ סך פאַרלוירן; די איירישע וואָלטן געווען איבער זייער גאַנצער גרויסער מדינה געעפנט אומעטום קלייט־לעך פון אַלע מינים סחורות, פאַבריקן פון יעדן סאָרט אַרטיקל, פאַ־נאַנדערגעפירט כלערליי געשעפטן און זיי וואָלטן זייער גרויסע מדינה געווען אַנטוויקלט, אַז עס וואָלט אין איר געווען גוט צו לעבן; אַז יע־דער רוס, ווען ער וואָלט געדאַרפט קעז צו מאַכן וואַרעניקעס, וואָלט ער אים ניט געדאַרפט גיין זוכן אין אַלדע שוואַרץ יאָר — ער וואָלט אים געקראָגן צו קויפן גלייך אויפן אָרט... אַזוי אויך פּאַסאָליעס מיט קאַשע פאַר קנישעס. קוואַס... מיט נאָך עפּעס בעסערס... אָבער אין זייער קנאה צו די איירישע האָבן זיי אָנגענומען דעם פּרינ־ציפּ פונעם טייוול — באַדיי מיר ביידע אויגן אַבי דיר איין אויג. זיי האָבן געמאַכט אויף זיי בילבולים, אויפגערייצט זייער אומוויסנדע מאַסן זיי צו פּאָגראָמירן. און די איירישעזיינען, נעבעך, געלאָפן פון זיי וואו נאָר די אויגן האָבן זיי געטראָגן...

די פּאָליאַקן־יידן האָבן זייער געמיין טרעטירט די איירישע. די לעצטן האָבן זיי אַרויסגעוויזן אָן אַ שיעור געטריישאַפט, אין מלחמות מיט זייערע אַרומיקע פעי. האָבן זיי אָנגעוואוירן זייער מלוכהשאַפט, האָבן זיך די איירישע ביי זיי געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט — מיט וואָרט און מיט טאַט, אַ סך האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס, זיי זאָלן זייער מלוכה צוריק קריגן. אָבער אַזוי גיך, ווי זיי, די פּאָ־ליאַקן זיינען ווידער געוואָרן פּלאַקן־שיסערס, האָבן זיי באַלד די איי־רישע ניט דערקענט. וואָס הייסט ניט דערקענט? זיי האָבן זיי גענו־מען טרייבן פון זייער מדינה, אין וועלכער די האָבן שוין געלעבט הונ־דערטער יאָרן. איירישע סטודענטן, נאָר דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען פייאיקער, האָבן זיי, די פּאָליאַקישע, געמאַכט צו שטיין אויף זייערע פיס אין זייערע אוניווערסיטעטן ביי די לעקציעס, אין דער צייט, וואָס זיי זיינען זיך רחבותדיק אויף די בענק געזעסן. נאָר פרישטעס זאָל זיי אַרויסקומען אויף זייערע טעכעסער, זיי זאָלן דאַרפן שטיין כסדר קאָלאָם! (בפני כל העם...).

די פינצטערע דומטשן —

אויפן צענטראַלן טייל פונעם אייראָפּייאישן קאָנטינענט איז אויפ־געשטאַנען אַ פאָלק — רוצחים. אַ פאָלק, וואָס נאָר צוריק מיט איי־ניקע הונדערטער יאָרן זיינען זיי געווען גרויליקע, צוויי־פיסיקע בעס־

טיעס. אין די מלחמות מיט אַנדערע, פלעגן זייערע פרויען אויסצאַפּן דאָס בלוט פון די לעבעדיק־געפאַנגענע, דאָס זויפן און זיך קוויקן מיט דעם... זיי זיינען מיט הערצער פון שטיין — פאַרמאָגן ניט קיין רח־מנות־געפילן, האָבן די גרעסטע הנאה פון אַ צווייטנס יסורים.

בלוט פאַרגיסן — מלחמה, — איז זייער נשמה... זיי גלאָרי־פיצירן מלחמה... תמיד ווילן זיי זיך מושטירן אין סאָלדאַטן און מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג וועלן זיי צו יעדן מאָמענט מאַרשירן צו הרגענען, רויבן און שענדן אַ צווייט פאָלק... זיי זיינען דער שרעק פון די פע., וואָס רינגלען אַרום זייער מדינה, ווייל זיי האָבן שוין ניט איינמאָל אויף זיי מאַרשירט און האָבן אָנגעמאַכט אין זיי שרעקלעכע חורבונות.

דער ביטערער שיקזאַל פון די אײרישע האָט אַ סך פון זיי גע־שטויסן צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דעם רוצחים־פאָלק.

די אײרישע האָבן אַ סך געטאָן — זיך ממש מקריב געווען זיי צו ביי־איינפלוסן מיט באַגריפן פון רחמנות — מיט מידות פון מענטשלעכ־קייט... אָבער, אַזוי ווי זיי האָבן גלאָריפיצירט מלחמה — ממש פאַר־געטערט בלוט־פאַרגיסונג, האָבן זיי צודי אײרישע, וואָס זיינען פונקט דאָס פאַרקערטע, געפילט אַ געוואַלטיקע שנאה און אַרויסגעוויזן צו זיי אַ גרויס פאַראַכטונג... זיי האָבן די אײרישע פאַרשפּאַרט אין זיי־ערע שטעט אין באַשטימטע קוואַרטאַלן און פון צייט־צו־צייט צו זעטיקן זייער גזלנישן באַגער, פלעגן זיי מיט אומגעלומפּערטע בלבולים פון פאַרברעכנס, וואָס זיי זיינען ניט באַגאַנגען, זיי באַפאַלן, מאָרדן און רויבן, שענדן זייערע טעכטער און פרויען, זיי אינגאַנצן פאַרטרייבן — ביי זיי צונעמען אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, דאַן, צו האָבן אויף וועג־מען אויסצוגיסן זייערע רוצחישע געפילן — זיי אָפּט צוריק רופן...

וויפל מאָל זיי האָבן מאַרשירט אויף זייערע שכנישע פע. אָנמאַ־כנדיק אין זיי חורבונות האָבן זיי מאַרשירט אין יאָר 1914, לאָזן זיי זיך אַרויס קעגן זייער אַרומיקע פע. מיט אַ חיל וואָס זינט די וועלט שטייט איז נאָך אַזאַ מין חיל ניט געווען: סאָלדאַטן — אויטאָמאַטן, מיט כלי־זין, וואָס זיי האָבן מיט זייער מלחמה־גייסט צוגעטראַכט האָבן זיי גע־קאָנט איינעמען די גאַנצע וועלט און אומברענגען אין איר אַלע אַנדערע מענטשן!...

אַלע פע. האָבן זיך אַרויסגעשטעלט קעגן זיי און דאָס איז זיי דע־מאָלט ניט געלונגען. אָבער, פאַרמאָגנדיק שוין אַזאַ מיליטערישע מאַכט און גייסט, זעצן זיי אַרויף אין אַ פּאָר צענדליק יאָר אַרום אויף זייער מלוכה־שטול אַ משוגענעם סאַדיסטישן מאַניאַק און אונטער זיין פּי־רערשאַפט מאַרשירן זיי ווידער אַרויס, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, דער־אָבערן די וועלט! מיט זייער מיליטערישער מאַכט צעשמעטערן זיי אַלץ און אַלעמען, וואָס האָט זיך געשטעלט זיי אין וועג. און אַזוי גלייך

פֿאַרכאַפּן זיי אַ צאָל לענדער, פֿאַרטיליקן זייערע חײלות און מאַכן אָן אַ שרעקלעכן חורבן אין זייערע פֿעלקער, אין זייערע הײמען. און בדרך זייער טײוואָלאָנישע הליכה, נעמען זיי, לויט זייער פֿריערדיקער פּראָ־גראַם, אומעטום, וואו זיי האָבן אַרײנגעדרונגען, אויסהרגענען די פֿון זיי פֿאַרהאַסטע שלום־ליבנדע אײרישע...

די אײרישע האָבן פֿאַר זיי ביז זייער פֿינצטערן מאַרש פֿיל אויפֿ־געטאָן; זיי האָבן זיי שטאַרק געהאָלפֿן אַנטוויקלען אַ ליטעראַטור, אַ פּאָעזיע, אַ מוזיק, אַלע אַנדערע קולטורעלע ווערטן און עס האָט זיך שוין צו אַ סך געדאַכט, אַז זיי ווערן שוין פֿאָרט עפּעס אַסאָרט יידן־פֿאָלק, אויב נאָך ניט קיין בעסערס, איז כאָטש ניט קיין ערגערס פֿון די אַנדערע יידן־פֿע. אָבער די גאַנצע אַרבעט צו מאַכן זיי פֿאַר בעסערע מענטשן איז געווען אַן אַרויסגעוואָרפֿענע! זי האָט געהאַט קעגן זיי־ערע אויפֿברויזנדן מערדערישן אינסטינקט אַ ווערט, אַזוי ווי אַ פּאָ־לאָווע קעגן אַ שרעקלעכן שטורעם־ווינט; זיי האָבן אויפֿגעשטעלט קרעמאַטאָריומס, גאַז־קאַמערן און האָבן געכאַפּט לינקס און רעכטס טייערע פֿײנע אײרישע און האָבן זיי ווי העלצער געוואָרפֿן אין די אויוונס, פֿאַרברענט צו ווערן, אין די גאַז־קאַמערן, דערשטיקט צו ווערן! דערביי זיינען זיי באַגאַנגען איבער זיי שוידערלעכע, גרויליקע טאַטן; זיי האָבן אָנגערייצט זייערע גרויסע בלוט הינט און זיי האָבן געריסן פֿון די אײרישע שטיקער און געפּרעסן... זיי האָבן אויפֿגעשניטן ביי טייערע אײרישע מבֿעורתע פֿרויען די בייכער און אַרויסגעריסן פֿון זיי די קינדער אין די עמבריאָס; זיי האָבן ביי די אײרישע קינדער אויס־געצאַפּט דאָס בלוט פֿאַר זייערע פֿאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, וואו די קינ־דער זיינען אויסגעגאַנגען אונטער זייערע הענט; טייערע כשרע מייד־לעך, פֿאַרגוואַלדיקט מיט משונהדיקע אופֿנים צום טויט; זיי האָבן גע־מאַכט פֿון זיי זייף! צעמאָלן זייערע ביינער און דערמיט באַמיסטיקט זייערע פֿעלדער!...

זיי האָבן אויסגעקוילעט גאַנצע שטעט מיט מענטשן. אין דער שטאָט ראָוונע, וואָלינער ג., האָבן זיי געווילדעוועט איבער די אײרישע אויף אַזאַ מין שטייגער, וויי, וויי, ווי אַזוי האָבן עס מענטשן מיט נערוון געקאָנט אָנטאָן אַזוינע עינוים קשים צו אַנדערע! זיי האָבן ביי זיי צוגענומען דאָס עסן, זיי געשאָסן, געקוילעט, געשטאָכן מיט שרעקלע־כע ברוטאַליטעטן; זיי האָבן אָנגענומען קינדער ביי די פֿיסלעך און צעקנאַקט זייערע קעפּלעך אין װוענט, אין שטיינער פֿון גאַס; מײנער אַ שוואָגער, אַ בעקער, האָט געהאַט צוויי טייערע שיינע מיידלעך, האָבן זיי די רוצחים, מיט אַ סך אַנדערע מיידלעך פֿון דאָרט פֿאַרגוואַלדיקט מיט משונהדיקע סאַדיסטישע אופֿנים צום טויט! זיי האָבן אונטערגע־צונדן שולן, אין וועלכע אײרישע זיינען זיך צונויפֿגעלאָפֿן און זיי זיינען פֿאַרברענט געוואָרן מיט זיי אינאיינעם. לסוף האָבן זיי אויסגעגראָבן

הינטערן שטאָט, דאָרט, וואו דער וואַלד איז געווען, צווײ לאַנגע ראָ־וועס, אינדערמיט געלאָזן אַ פּאַס, האָבן אַרויפגעטריבן אַלע אײרישע אויפן פּאַס, ס'איז געווען ווינטער — דער פראָסט האָט געברענט און די רוצחים האָבן זײ געהאַלטן שטונדן נאַקעט אויפן פּאַס. דען, האָבן זײ מיט מאַשין־ביקסן זײ אַלע אַדורכגערידלט און זײ זײנען געפאַלן אין די ראָוועס פון בײדע זײטן און זײ האָבן זײ נאָך אַ סך: לעבעדיקע, מיט דער ערד פאַרשאָטן! מײנע צווײ ברידער, מײנע צווײ שוועס־טער מיט זײערע פאַמיליעס, מומעס און פעטערס מיט זײערע פאַמי־ליעס — טײערע ערלעכע גוטע און פרומע זײנען אויך געווען דאָרט, ווײ, ווײ! זײ באַגאַנגען איבער מענטשן אַזוינע גרויליקע מעשים, אַז עס איז אַ שאַנדע פאַרן מענטשלעכן מין, וואָס ברואים מיט זײער אויסזען האָבן געקאָנט אָפּטאָן אַזוינע מעשים תעתועים!

די באַשרײבונגען פון זײערע מערדלעכע טאַטן זײנען פון די שוואַרצסטע דאָקומענטן פאַרן מענטשלעכן מין! אַזאַ סאָרט באַר־באַריש פאָלק האָט ניט קײן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג! — ימח שמם וזכרם לעולם ועד!

דאָס טרויעריקסטע דערבײ:

אײניקע פון די ייִדן־פּע. ווענענס לענדער די רוצחים האָבן גלײך פאַרכאַפּט, פאַרטיליקט זײער חײל, אויסגעהרגעט אַ גרויסן טײל פון זײער באַפעלקערונג, צעשטערט, צעבראָכן זײערע שטעט, צו וועלכע עס איז געווען קלאָר, אַז אַזוי גיך, ווי דאָס רוצחים־פאָלק וועט אַרויס מיטן נצחון איבער אַלע אַנדערע, וועלן זײ זיך ערשט אַ נעם טאָן צו מאַכן פון זײ דעם אמתדיקן תכלית, האָבן דאָך זעענדיק ווי די גזלנים ברענגען אום די אײרישע, זיך פאַראײניקט מיט זײ און זײ געהאָלפן אין דער פאַרברעכערישע מלאכה!...

אויסגעצײכנט זיך דערבײ האָבן זיך די פאָליאַקן־ייִדן — אַ בראָך נאָך זײ! — זײ האָבן געכאַפּט פאַר זײ יעדן אײרישן און זײ אויך גע־קוילעט, פאַרברענט און פאַרגוואַלדיקט... זײ האָבן געהאָלפן די רוצ־חים, זײערע שונאים אומברענגען מיט שוידערלעכע אופנים די, וואָס זײנען אַלעמאָל געווען זײערע בעסטע פרײנד! ס'איז גאָרניט פאַר־שטענדלעך, פאַרוואָס זײ האָבן אַזוי געהאַנדלט! אַ פינצטער, אַ וויסט לעבן זאָל זײן צו די פאָליאַקן אויף אײביקע יאָרן פאַרן שרעקלעכן פאַרראַט, וואָס זײ זײנען באַגאַנגען קעגן זײערע בעסטע פרײנד!

אויך ניט בעסער האָבן געהאַנדלט קעגן די אײרישע די ליטוואַ־קעס־ייִדן, אַ בראָך נאָך זײ!... די לעצטן האָבן געלעבט מיט זײ אין פרידן פאַר דורות. אָבער די רוצחים האָבן זײ אָנגעשטעקט מיט זײער מערדערלעכן גײסט און זײ זײנען געוואָרן די זעלבע טײוואָלים און אונטער זײערפירערשאַפט — אָפּגעטאָן מיט די אײרישע די אײגענע מעשים תעתועים. נו, און די מוזשיקעס? — זײ זײנען שוין פאַר די

לעצטע דורות עטלעכע מאָל אויפגעשטאַנען קעגן די אײרישע און אומגעבראַכט פון זײ גרויסע צאָלן... אַצינד האָבן זײ מיטגעאַרבעט מיטן גזלנים־פאָלק דאַנט אין האַנט; געמאָרדעט, גערויבט, געשענדעט אײרישע אויף זײער ערד — בײ זײ צוגענומען די הײזער — אַלץ! ניט מער זאָלן זײ פאַרמאָגן אויף אַלע דורות צו קומען ווי דאָס, וואָס זײ האָבן אַרויסגעקראָגן פון דעם רויב!

נאָר ווי געזאָגט, זײנען דאָ אַלערלײ יידן־פּע. — גוטע, וואוילע, פײנע, לײטישע יידן־פּע. און געמײנע נידערטרעכטיקסטע יידן־פּע... אַזוינע, וואָס האָבן געקענט אָננעמען אַן אײריש קינד בײ די פיסלעך און צעקלאַפּן דעם דאָס קעפּל אין שטײנער פון אַ וואַנט פון דער גאַס. אַזוינע, וואָס האָבן געקענט בײ די אײרישע קינדער אויסצאַפּן דאָס בלוט, אַזעלכע, אַזעלכע, וואָס האָבן געקאָנט פאַרגוואַלדיקן פײנע, לײטישע טעכטער און מאַמעס צום טויט, נאַכער אָנשטאָפּן זײערע בײכער מיט שטרוי און מיט גנוי!... אָבער אויך לײטישע און וואוילע,
~~גזלנים־פאָלק האַנט אין האַנט; געמאָרדעט, גערויבט, געשענדעט אײ־~~
ווי למשל, די דענער און די שוועדן, וואָס האָבן ווי ווײט זײ האָבן געקענט — אַרויסגעראַטעוועט פון בעסטאַלישע לאַפּעס פונעם רוצחים־פאָלק! אַ ברכה אויף זײערע קעפּ! אויך די יידן־פּע. פון די נידער־לענדער פונעם אײראָפּײאישן קאָנטינענט האָבן באַשיצט אײרישע, די פונעם נאָרד־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט מיט די ענגלענדער מיט די רוסן מיט נאָך אײניקע זײנען אַרויס מלחמה האַלטן מיטן רוצחים־פאָלק און מיט זײערע אַרויסהעלפער און האָבן מיט אומגעהויערע פאַרלוסטן פון לעבנס באַוויזן אָפּצושטעלן זײער פינצטערן טײוולשן מאַרש.

די ענגלענדער באַהערשן די ימען אַ סך לענדער האַלב־אינדזלען פון די קאָנטינענטן און אינדזלען. די רוצחים, צו פאַריאָכן צו זײ די וועלט, האָבן זײ געדאַרפט פריער פּטור ווערן פון די ענגלענדער און זײ האָבן זיך טאַקע גלײך געכאַפּט באָמבאַרדירן דעם אינדזל פון זײער מלוכה. פאַרשטײט זיך זײנען די לעצטע ניט געזעסן מיט צונויפגעלײגטע הענט. — זײ האָבן מיט אַלע זײערע כוחות זיך געשטעלט זײ אַנטקעגן, דערבײ אָבער ווען זײ האָבן שוין געוואוסט ווי אַזוי די רוצחים אין אַלע פון זײ פאַרכאַפּטע לענדער טוען אומברענגען די אײרישע, וואו זײ האָבן געקענט אַ סך אַרויסראַטעווען פון זײערע חיהשע לאַפּעס, האָבן זײ עס דאָך אפילו ניט געפּרואווט...

צאָלן אײרישע האָבן זיך בײ די ברעגן פון לענדער בײם ים הגדול אַרויפגעריסן אויף שיפן און זיך געלאָזן מיט זײ צום לאַנד פון זײערע אײרישע אָבות, די ענגלענדער האָבן דאַן אויך געבאַלעבאַטעוועט איבערן ים־הגדול, האָבן זײ די שיפן מיט אומגליקלעכע אײרישע ניט געלאָזט צוקומען צום ברעג פונעם לאַנד; די שיפן זײנען געווען אַלטע און

איניקע פון זיי זיינען דורך די ענגלענדער געזונקען געוואָרן מיט די אייךישע אויף זיי אין איינעם...

פאַר וואָס האָבן זיי אַזוי געהאַנדלט קעגן די אייךישע ?

פאַר די לעצטע דורות האָבן זיך גראָד די ענגלענדער פאַר די אייךישע, אין לענדער, וואו מע האָט זיי שלעכט געטאָן, איניקע מאָל איינגעשטעלט. די לעצטע האָבן דערפאַר געפילט צו זיי אַ דאַנקבאַרקייט, אַז אַ סך האָבן איבער דער גאָרער וועלט געהאַט פאַרפוצט זייערע ווענט מיטן בילד פון זייער קעניגן.

מילא וואָס די אייךישע פון ענגלאַנד גופא זיינען זיי געווען די איבערגעגעבנסטע פאַטריאָטן, איז אָפגערעדט — זיי האָבן געטאָן וואָס נאָר עס איז פאַר זיי געווען מיגלעך צו מאַכן זייער אימפעריע גרעסער און שטאַרקער, נאָר אויך ביי דער ערשטער וועלט מלחמה האָבן אייךישע זייער פיל געהאָלפן די ענגלענדער צו געווינען די מלחמה קעגן דעם דומטש מיט זיינע פאַרבינדעטע.

די ענגלענדער האָבן צוגעזאָגט די אייךישע, אַז פאַר העלפן זיי צו געווינען די מלחמה קעגן טערקיי, אומצוקערן זיי צוריק דאָס לאַנד פון זייערע אָבות. אָבער אַזוי גיך, ווי זיי האָבן דעם טערק באַזיגט, האָבן זיי גלייך פאַרגעסן צו זיי זייער פאַרשפרעכן. פאַרגעסן ? זיי האָבן באַלד צעשפאָלטן דאָס לאַנד אויף צוויי טיילן; אויף איין טייל, אויפן עבר הירדן האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ נייע אַראַבישע מלוכה און אויף דעם אַנדערן לאָזן זיי מער ניט אַריין קיין אייךישע, אפילו די וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די נעגל פון די רוצחים־פאָלק לאָזן זיי ניט לאַנדן אויף די ברעגן פון דער צו זיי פאַרשפראָכענער מדינה.

פאַרוואָס טאַקע — נאָך אַ מאָל — האָבן זיי עס אַזוי געהאַנדלט ! יאָ, טאַקע פאַרוואָס ?

די איינציקע דערקלערונג דערביי קען זיין, אַז ס'איז דערפאַר, ווייל אַלע יידן־פע. פילן אַ שנאה צו די אייךישע פאַר זייער סופעריאָריטעט: אַזאַ שנאה, וואו חוץ דאָס רוצחים־פאָלק האָבן דאָך שוין אַ סך אַנדערע מיט אויסטראַכטן אויף זיי בלבולים געפרואווט זיי פאַרטיליקן ! ווי דען אַנדערש קען מען זיך עס דערקלערן ?

אָבער ווי געזאָגט, זיינען ניט אַלע יידן־פע. גלייך. סע זיינען דאָ גוטע און שלעכטע, געמיינע און לייטישע... ווי למשל — די דענער, די שוועדן ! זיי האָבן זיך אַ סך איינגעשטעלט מיט זייערע לעבנס און האָבן אַרויסגעראַטעוועט הונדערטער אייךישע פון די נעגל פון די גרויליקע רוצחים. אויך אַנדערע יידן־פע. האָבן עס געטאָן. אפילו די רוסן.

די אַמעריקאַנער, הויפטזעכלעך פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד אַמעריקע, באַהאַנדלען די אייךישע קאָרדיאַל. נו, דאַרפן זיי

דערפֿאַר קײן חרטה ניט האָבן! אַמעריקע איז די בעסטע די רײכסטע מדינה אין דער װעלט! פּאַקטן באַװײזן, אַז די פֿעלקער, צװישן װעלכע ס׳איז נישטאָ קײן אײרישע, טויגן מיט זײער געזעלשאַפֿטלעכן און קול־טורעלן אויסשטאַט גוט אויף כּפּרות...

יאָ, די אײרישע זײנען אַ װאונדערלעך פֿאָלק! מיט װאָס פֿאַר אַ גרויסע און װיכטיקע װערטן זײ האָבן מזכּה געװען דער װעלט! מע טאָר זײ דערפֿאַר קײנער ניט פֿײנט האָבן! אין ערגעץ ניט פֿאַרפֿאָלגן! מע דאַרף אומעטום אַלע פֿאַר זײ אַראָפּנעמען דאָס היטל — זײ אָפּגעבן גרויס כּבוד!